№17 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז פאַר 1 מילימעטער-שורה:
פאָרן טעקסט 40 גראָשען — נאָכן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 80 גראָשען.
די פּרייזען פאַר לעצטע זייט און מוגדלע ... אַנאָנסען ...

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענט-פּרייז: 1 נומער 20 גראָשען.
... רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
...

Piątek, dnia 20 kwietnia 1932.

פרייטאָג, ערב פסח י"ד ניסן תרצ"ב.

היינט 8 זייטען.

פולאָווערס
און **סוועטערס**
פון עכטע וואָל צו ביליגע פרייזען
צו בעקומען אין געשעפט פון
ז. גליקסמאַן,
בערעק-יאָסעלעוויטש גאַס 8.

סיוועטער געזוכט
א מיידעל אויף פראַקטיק אין גאַלאַנטעריע
און קאָנפעקציאָנס געשעפט פון
א. נירענבערג, 2-טע אַלעע נר. 23.

Szkoła tańców
baletm. **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
(d. Jasna).
איך מאַך בעקאַנט דאָס פּראַקטישע לעקציעס וועלען פאָרקומען
שבת, ד. 23 אפּריל און שבת, ד. 30 אפּריל
8-30 אָוונעד.
לעצטע שלאַגערען. ביליגערע פרייזען.

קופּהויזער - טעכניקום
פאַר אינזשיניער און ווערק-מייסטער
באַר פּראַנקעהויזען, קופּה,
פּראָגראַם-פאָדערונג: עלעקטראָטעכניק, מאַשינען, ערד-מאַשינען, אויטאָ- און לופט-בעטריעב, שטאָהל-בוי, אייזען-וואַסער-בוי
פאַר סוחרים 1-סעמעסטריקערטעכנישער קורס.

M. Ruziewicz

Częstochowa. Ogrodowa 11
(B. Joselewicza № 6).
Rowery, maszyny do szycia,
oraz **wszelkie części do rowerów**
i samochodów.
TELEFON № 231.

DO WIADOMOSCI WŁAŚCICIELI NIERUCHOMOŚCI.

Staraniem obydwu stowarzyszeń Właścicieli Nieruchomości w Częstochowie, zostały t. zw. „specjalne dopłaty wodociągowo kanaliz cyjne" budżetowe na rok 1930/31, na które właściciele otrzymali obecnie „upomnienia" rozłożone na 6 rat półrocznych (3 lata) z odsetkami ulgowemi za rozłożenie na raty. Odsetki za okres ubiegły do otrzymania wspomnianego upomnienia nie będą doliczane.

1-sza rata jest płatna najpóźniej do dnia 15 maja 1932 r. W razie uchybienia terminu jednej raty, podlegać będzie ściągnięciu cała kwota wraz z odsetkami za zwłokę.

Bliższych informacji udzielają—Wydział Podatkowy Magistratu i Sekretarjaty Stowarzyszeń, gdzie każdy zainteresowany winien się zgłosić.

Nadmienia się, że Dyrekcja Wodociągów i Kanalizacji żadnych informacji w powyższej sprawie udzielać nie będzie.

Wpłaty na poczet wymienionych dopłat przyjmują:

I. Kasa Dyrekcji Wodociągów i Kanalizacji (ul. Katedralna 2).

II. Sekretarjat Częst. Stow. Właść. Nieruchomości (ulica N. Marji Panny 49) w godz. od 9 rano do 1-ej p.p.

III. Sekretarjat Stow. Właśc. Nieruchom. (I-sza Aleja 10) w godz. od 6 do 8 wiecz. które wpłacać będą zainkasowane sumy do kasy Dyrekcji Wodociągów i Kanalizacji.

Wodociągi i Kanalizacja m. Częstochowy
Częst. Stow. Właśc. Nieruchomości Chrześcjan ul N. Marji Panny 49.
Stowarzyszenie Właśc. Nieruchomości ul. N. Marji Panny 10.

הגיע הזמן!
עס איז שוין העכסט-צייט, זאָלסט זיך בעפרייען פון קריזיס!
דאס איינציגע מיטעל איז דאס גרעסטע געווינס
1.000.000 זל.
געה תיכף ומיד אין דער קאָלעקטור
J. WEKSLER, ALEJA 6
און קויף פאַר
10 זל. א צעטעל צו דער 26 מלוכה-לאָטעריע.
א צעטעל קאָסט 10 זל.
א גאַנצער לאָז קאָסט 10 זל.

שבת חוה"מ ד. 23 אפּריל 1932 י.
ליעבהאָבער-קרייז פון מוזיק און געזאַנג „לירא" טשענסטאָכאָוו.
אין פייערלעשער-זאַל
וועט פאָרקומען!
א גרויסער קאָנצערט
פון סימפאָנישען אָרקעסטער און געמישטען כאָר אונטער דער אָנפיהרונג פון פּראָפ. י. זאַקס
מיט אנטייל פון דער בעקאַנטער פּיאַניסטין פּרל. ה. ראָזענטאַל.
אין פּראָגראַם:
די 5 סימפאָניע פון עגמאָנט-בעטהאָווען, אוקראַינישע פאַנטאַזיע פון דאַווידאָוויטש
ווי אויך צום ערשטען מאָל אין טשענסטאָכאָוו
פּאַרטעפּיאַן-קאָנצערט עס-דור פון ליסט מיט בעגלייטונג פון סימפאָנישען אָרקעסטער פיהרט פּרל. ה. ראָזענטאַל.
אָנהויב 9 אָוונעד. בילעטען פון 50 גר. ביז 2,50 פריהער צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן.

WPanu Doktorowi
Mieczysławowi Lewinowi
za troskliwą opiekę i nadzwyczaj humanitarną pomoc w chorobie naszych dzieci, składają najserdeczniejsze podziękowanie.
M. LIEBESKINDOWIE
Częstochowa, w kwietniu 1932 r.

דער בעוואוסטער פענסיאָנאַט אין אסטראָוו
פון ל. יאַקובאָוויטש
וואָס בעזיצט 15 מעבלירטע צימערען, ווי אויך דאָס געשיער מיט אַלע צוגעהעריגקייטען זענען
צו פערדינגען אויפ'ן זומער - סעזאָן.
זיך ווענדען אויף דער אַדרעס:
ל. יאַקובאָוויטש, קיעדזשינסקאַ 1|5 טעל. 614.

טעלעגראַם!
מאָנטאַג, ד. 2 מאַי טרעט אויף אין „גראַנד-קינאָ"
דער וואונדערבאַרער בלינדער פּיאַניסט
אימרי אונגאַר
דער טריומפאַטאָר פון שאָפּען-קאָנקורס.
... יינצעלהייטען אין די קומענדע אַנאָנסען.

כשר לפסח!
די פיינשמעקער, וועלכע ווילען האָבען אַנ'עונג יום-טוב, טרינקען טעע
נאָר פון די בעוואוסטע פירמע
INDIA BEST TEA LONDON
וואָס פערמאָגט דעם בעסטען אראָמאַט.
עס איז אויך צו בעקומען אין 1|4 און 1|2 קילאָ-פערפּאַקונגען.
בעשטעלונגען נעמען אָן: מ. רוזשעוויטש (ראָהוערגין-סקלאַד) יאָסעלעוויטשאַ 6, י. קאָטשיינער וואַרשאַווער 23.
בעמערקונג: לייגט אַכט אויף דער פירמא INDIA.

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אז היי-יאָהר גיבען מיר ארויס
אויף פסח אַ ספּעציעלע סאָרט אָראַנזשאַדע „CATANIA"
וועלכע וועט זיין אַנ'איבערראַשונג פאַר די פיינשמעקער.
אויטער דעם עמפּפעהלען מיר אונזער ביז-איצט בעקאַנטע אָראַנזשאַדע און ציטרינאַדע וואָס וועט זיין כשר לפסח.
בעמערקונג: מיר בעטען צו זיין אויפמערקזאַם אויף דער עטיקעט מיט'ן אויפשריפט „Catania" בייַ דער געלעגענהייט ווינשען מיר דער ג, קונדשאַפט א פרעהליכען יום-טוב.
מיט אַכטונג
„URSUS"
געבר. פישהאַלטער.

ווייכטיגע נייעס פאַר לעדער - בראַנזשיסטען!
ווילט איהר קויפען אַלערליי לעדער-וואַרען, די בעסטע סחורה און צו קאָנקורענץ-פּרייזען, דאַרפט איהר פריהער בעזוכען מיין
לעדער-געשעפט
וואָס איך האָב געעפענט (נאָכ'ן צוטיילען זיך פון מיינע שותפים)
אין נייעם מאַרק 6, אין טויער 1-טער שטאָק,
(דאָרט וואו מיר האָבען פריהער געהאַט דאָס געשעפט).
עגזיסטירט פון יאָהר 1904.
רעעלע בעהאַנדלונג. פּרימא גוטע סחורה.
אַלעס צו קאָנקורענץ-פּרייזען.
איך האָף, אז מיינע געערטע קונדען אהן אויסנאַהם וועלען מיך ווייטער בעזוכען, וואו זיי וועלען העכסט צופרידען זיין.
מיט אַכטונג **יהושע שלינגבוים**, נייער מאַרק 6.
איך ווינש אַלע מיינע קונדען א פריילעכען פסח.

א גרויסער אויסוואַהל
פון קאַפּעלושען, היטלען,
יודישע היטלעך, קינדער-היטלעך
אויך אַלערליי גאַלאַנטעריע
איז צו בעקומען נאָר אין געשעפט פון
מ. בערקאָוויטש, פּילסודסקי 1.
ביליגע פרייזען.

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַך איך בעקאַנט דעם געעהרטען טשענסטאָכאָווער פּובליקום, אז צוליעב יום-טוב פסח האָב איך מיין געשעפט איבערגעגעבען אויף א שטר-מכירה.
יום-טוב'דיגע מאכלים און משקאות
מיט'ן הכשר פון ראַבינאַט זענען בייַ מיר צו בעקומען, איינגאַנג דורכ'ן הויף.
מיט אַכטונג **מיכאל הערץ, אַלעע 5.**

יין כשר לפסח
עמפּפעהלט א גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע
ווייַנען און מעהד
די ווייַן-פאַבריק פון **שמואל גאלד,** וואַרשאַווער 11
געשעפט: קאַטעדראַלנאַ 5|3 פריהער סטראַזשאַצקאַ 16
די בעסטע ווייַנען און מעהד אויך טרויבען-ווייַן צו ביליגע פרייזען.

אַנ'עונג יום-טוב
קאַן יעדער יוד האָבען, קויפענדיג די בעוואוסטע אַראָמאַטפולע טהעע פון דער בעקאַנטער פירמא:
„CEYLON BEST TEA LONDON"
אַלעע וואָלנאָשטשי נר. 58.
כשר לפסח אפילו למהדרין, פערזעהען מיט א הכשר פון דאַנציגער רב און פון הרב הגאון ר' נחום אש שליט"א אבדפק"ק טשענסטאָכאָוו.
פּאַקונג 1/4 קילאָ. פערקויף פאַר קאַסע און אויף ראַטעס.

לכבוד פסח!
אַלערליי פּראָדוקטען
אינלענדישע און אויסלענדישע
שאָקאָלאַד, צוקערוואַרג בעסטע קוואַליטעט
מאַקאַראָנען, מאַלינע-זאַפטען אַלץ כשר לחג הפסח
צו בעקומען אין ניי-געעפענטען פּראָדוקטען-געשעפט
Z. GLEWICKI, Berka Joselewicza 1.
dawniej Ogrodowa 14.

דער מוסר השכל.

(צו די זונטאג'דיגע פרעזידיום וואהלען).

קומענדען זונטאג, חול-המועד, קומען פאר די וואהלען פון די פרעזידיום'ס פון קהלה-ראט און פון דער פערוואלטונג.

עס איז א זעהר אונדאנקבארע טעמא צו רעדען וועגען דער דאזיגער אזוי אנגעוועהטאגטער פראגע, וואס האט צום בעדויערען אזוי פיעל בייז בלוט ארויסגערופען ביי אונז אין שטאדט און האט פעראורזאכט אז נאך 10 חדשים האבען מיר נאכנישט קיין טעטיגע קהלה, פארט איז דאס דאך אבער א פראגע פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר אונזער ארטיגען יודישען לעבען און מען קען דאך וועגען איהר נישט איבערגעהן מיט שטילשווייגען.

און די קרייזען, וואס שטעהן נאהנט צו דער נייער קהלה שמועסט מען אז דאס רעדיל האט זיך איבערדרעהט, אז דער עולם האט זיך מישב געווען און אנשטאט וואס פריהער האט יעדע פראקציע געוואלט בעקומען די ממשלה אין דער קהלה, און האבען דאס בייטשעל אין דער האנד, האט איצט כמעט אלעמען בעהערשט אזא ארט רעזיגנאציע און קיינער וויל מעהר נישט איבערנעמען די לייטונג פון די קהלה-ארגאנען.

און ס'איז אפשר נישט קיין וואונדער, איצט פאר פסח האבען כמעט אלע קהלה-מיטגלידער מיטגעארבייט ביי דער מצה-און קמחא-אקציע, ווי זיי האבען זיך צוזאמענגעטראפען פנים אל פנים מיט דעם שוידערליכען נויט און עלענד וואס הערשט צווישען א גרויסען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, זיי האבען מיט אייגענע אויגען געזעהן ווי אזוי מענשען גלייכע מיט זיי, שטעהן מיט אויסגעלאשענע אויגען און בעטען א שטיקעל ברויט, זיי האבען געפיהלט דעם אינערליכען טיעפען שוידער אין זייערע הערצער, פון דעם גרויזאמען מצב אין וועלכען עס געפונען זיך הונדערטער יודישע פאמיליעס, און זיי, די פרנסים מיט די דאזארעס, איבערהויפט די ניי-געוועהלטע, וואס האבען נאך קיינמאל אזוי נאהנט די שוידערליכע פאנאראמע נישט געזעהן, האבען זיך דערשראקען און זיי ווילען זיך אברוקען, זיי. ווילען אויף זיך נישט נעמען די גרויסע פעראנטווארטליכקייט, די אונגעהויערע אחריות, וואס די קהלה אלס אזאלבע טראגט לגבי די אונגליקליכע פאמיליעס און לגבי די צום רואין און אינטערגאנג פערמשפט'ע אינסטיטוציעס.

זיי ווייסען, זיי פערשטעהן אז דאס איז די אויפגאבע פון דער קהלה, אז צו דעם ווערט זי געשאפען, אז דאס איז דער ציעל און דער חוב פון דער העכסטער שטאדטישער רעפרעזענטאנץ צו לינדערן, צו פערלייכטערען דעם גורל פון די אונגליקליכע, צו שמירען מיט הייל-באלזאם זיינע וואונדען, און צו פערשטאפען די לעכער, וואס פערמעהרען זיך מיט יעדען טאג אין די קהל'שע אנשטאלטען, אבער זיי פיהלען זיך צו שוואך, זיי האלטען זיך פאר אונמעכטיג צו אזא ארבייט, וואס פאדערט איבערגעבענהייט, אויסדויער און מסירת-נפש.

אבער מיר גלויבען דאס נישט און מיר קענען נישט גלויבען, אז איהר, געוועהלטע פון פאלק, זאלט ענטלויפען פון דעם קהלה-ווארשטאט און איהם איבערלאזען אויף הפקר, אז ס'זאל ווייטער געהן אזוי ווי ביז - איצט און ווי לאנג קען דאס נאך אזוי געהן?

פערקעהרט, דאס בעקענען זיך מיט דער לאגע אין וועלכער די קהלה צו אלע איהרע צווייגען און געביעטען געפונט זיך, דארף פאר אייך דינען אלס מוסר השכל, אלס א גוטע לעקציע, אז איהר מוזט זיך מיט אלע מעגליכקייטען בעמיהען אבצוראטעווען וואס עס וועט זיך לאזען, און צו טהון וואס איהר וועט נאר קענען.

דאס דארף אייך מאכען ערנסט און אויפריכטיג, דאס דארף ווירקען אז איהר זאלט אוועקווארפען די נישט-עהרליכע כוונות מיט וועלכע איהר האט ביז איצט (זייט מיר מוחל פאר די ווערטער) געפיהרט אייער קהלה-פאליטיק, דאס דארפט אייך בעווייזען אז אייער ביז-יעצטיג שפיעל איז געווען א שפיעל מיט פייער, אין וועלכען עס ווערט אלעס פערברענט, און איהר אלע ווי איינער מוזט אומבעדינגט אויסבעסערען דאס וואס איהר האט ביז איצט פערנאכלעסיגט.

איהר האט אייך בעת דער פאר-פסח'דיגער צוזאמענארבייט נעהנטער בעקענט איינער מיט'ן צווייטען, איהר האט זיך פונאנדערגערעדט און פערשטענדיגט, און די דאזיגע צייטווייליגע פערשטענדיגונג, די דאזיגע גינסטיגע צוזאמענארבייט דארפט אומבעדינגט איינגעפיהרט ווערען אויפ'ן גאנצען קהלה-פראנט.

עס מוז קומען א אלגעמיינע פערשטענדיגונג פון אלע פראקציעס וואס זענען פערטרעטען אין דער קהלה, און אלע ווי איינער מוזען אויסוועהלען אזוי דאס פרעזידיום פון ראט ווי פון דער פערוואלטונג, אין וועלכע עס מוזען אריין די בעסטע, פעהיגסטע, און שטארקסטע כחות, און איהר אלע ראט- און פערוואלטונגס - מיטגלידער טארט נישט שטעהן פון ווייטען, איהר טארט נישט יוצא זיין מיט'ן ווארפען דאס פעקעל דעם פרעזעס, נאר איהר מוזט אלע כסדר סיסטעמאטיש און פלאנמעסיג מיטארבייטען אויף אלע געביטען פון דער קהלה.

איהר מוזט זיך בעציהען איינער צום צווייטען מיט דער געהעריגער אכטונג. עס מוז צווישען אייך הערשען די נויטיגע פרידליכע הארמאניע, דאן וועט צווישען אייך און אויף אייער פאלקס-ארבייט רוהען די שכינה, און טראץ דער אונגעהויער שלעכטער צייט, טראץ דער שוידערליכער אונטערטעגליכער לאגע, וועט איהר פיעל, זעהר פיעל קענען לייסטען לטובת דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

י. פ.

צו אלע רעליגיעזע יודען.

אינ'ם יאהר תרצ"ב ווערט 70 יאהר זינט ס'איז ערשינען דער בעוואוסטער ספר „דרישת ציון" פון הרב הגאון רבי צבי הירש קאלישער ז"ל. עס ווערט אויך 50 יאהר פון דער „חבת-ציון" בעוועגונג און די גרינדונג פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל דורך עולם פון די גלות - לענדער און עס ווערט 30 יאהר זינט עס איז געגרינדעט געווארען די רעליגיעז-נאציאנאלע ארגאניזאציע „מזרחי". די אלע דריי ערשיינונגען זענען ביי די רעליגיעזע ציוניסטען ענג פערבינדען און זייערע יובלות דארפען צו זיך צוציהען די אויפמערקזאמקייט פון די רעליגיעזע יודען.

דער ספר „דרישת ציון" האט אויפגעקלערט די וועגען פון דער קינפטיגער גאולה און אנגעצייכענט די מעשים, וואס דאס יודישע פאלק דארף טהון, אום די גאולה צו עררייכען. דער ספר האט געפונען א גרויסען אבקלאנג צווישען די גרעסטע רבנים פון יענעם דור אין מזרח-אייראפא און האט אויך געהאט א איינפלוס אויף די גרעסטע יודישע פערזענליכקייטען אין מערב-אייראפא. אונטער זיין השפעה איז געגרינדעט געווארען אין יאהר תרל"ב די אגראנאמישע שולע „מקוה ישראל" און אין יאהר תרל"ח איז געגרינדעט געווארען דורך די רעליגיעזע יודען די קאלאניע „פתח-תקוה".

און ווען עס זענען געקומען אין די יאהרען תרמ"א–תרמ"ב די שרעקליכע פאגראמען אויף די יודען אין אוקראינא און עס האט זיך אנגעהויבען די בעוועגונג פון „חבת-ציון" האבען זיך אין איהר שפיץ געפונען פיעל פון די יונגערע חברים פון רבי צבי הירש קאלישער ז"ל, וועלכע האבען אנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטען צו פערשטארקען די רעליגיעזע קאלאניזאציע אין ארץ ישראל און דעם רעליגיעזען גייסט אין נייעם ישוב.

א טייל פון גאוני הדור האט אויך דערלעבט צו זעהען דעם אויפגאנג פון דעם נייעם פאליטישען ציוניזם און זיי זענען געבליבען אין דער שפיץ פון דער נייער בעוועגונג אום פארצוזעצען זייערע פריהערדיגע צעהנדליגיעהריגע ארץ-ישראל ארבייט.

דער מזרחי האט די פארזעצונג פון פון דער דאזיגער ארבייט איבערגענומען און פיהרט שוין אין פערלויף פון די ווייטערדיגע דרייסיג יאהר אויף אלע געביטען פון דעם ארץ - ישראל אויפבוי-ווערק.

ארץ-ישראל, ברוך השם, בויט זיך טראץ אלע שוועריגקייטען פון דרויסען און שוועריגקייטען פון אינוועניג. דער יודישער ישוב אין הייליגען לאנד האלט אין איין וואקסען און זיך פערפעסטיגען. און ווען „אם לא לשוא עמלו הבונים בו" איז דאך דאס דער בעסטער בעוויז, אז „ה' יבנה בית", און אונזער אלטע היים, אונזער ציון בית חיינו, וועט אויפגעבויט ווערען, אבער ווען איהר, רעליגיעזע יודען, ווילט. און איהר ווילט דאך געוויס, אז די אויפבוי ארבייט זאל אין א שנעלערען טעמפא געהן און אונזער יודיש לאנד זאל אין גייסט פון דער תורה געבויט ווערען, דאן האט איהר נאר פאר אייך איין איינציגען וועג: טרעט אלע אריין אין די רייהען פון מזרחי, וועלכע ארבייט שוין אויף דעם אויפבוי געביעט צעהנדליגע יאהרען און זיין ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט גרויסע ערפאלגען. מיט שותפות'דיגע כחות וועלען מיר אט די ארבייט פערשטארקען און פערגרעסערען און מיט גאטס הילף וועלען מיר אונזער אלעמענס הילף עררייכען און מיר וועלען זוכה זיין צו א גאולה שלמה.

דער צענטראל קאמיטעט פון
דער מזרחיסטישער ארגאניזאציע
אין פוילען.

דער פאבריקאנטען - און סוחרים - פעראיין

רופט איהרע מיטגלידער אויף דער

יעהרליכער

אלגעמיינער פערזאמלונג

וועלכע קומט פאר זונטאג, דעם 24-טען אפריל 3 א זייגער נאכמיטאג,

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג. 2) וואהלען פון א פארזיצער פון דער פערזאמלונג. 3) לעזען דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג. 4) בעשטעטיגען דעם בעריכט פון 1931 י. 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן 1932 י. 6) וואהלען פון א פערוואלטונג און 5 מיטגלידער אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע. 7) פרייע פארשלאגען.

די פערוואלטונג.

בעמערקונג: ווען אין אויבען אנגעוויזענעם טערמין וועט נישט זיין די געהעריגע צאהל מיטגלידער וועט די פערזאמלונג פארקומען דעם זעלבען טאג 4 נ"מ ביי יעדע צאהל אנוועזענדע.

די פירמע

H. Gąsiorowicz, Stary Rynek № 26

איז פערזעהען צום קומענדען פסח מיט א גרויסען אויסוואהל

ווייש און שפירט כשר לחג הפסח

כרמל-וויין, ליקער

און אויך אלע אנדערע סארטען צו די ביליגסטע פרייזען.

ZAKŁAD MALARSKO - DEKORACYJNY

GRAJCAR i GELBER

CZĘSTOCHOWA, PANNY MARJI № 16.

Wykonywa wszelkie roboty w zakres

MALARSTWA WCHODZĄCE

od najskromniejszych do najwykwintniejszych.

4)

די ענטלאפענע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון **י. איזאקזאהן.**

(פארטזעצונג).

ר' יעקב משה איז נאך א קורצע צייט געזעסען ביים רב, וועלכער האט איהם אלס געלויבט דעם ישיבה-בחור מיט זיינע גרויסע בקיאות, וואס איז גאר א זעלטענהייט און לבסוף האט ער זיך געזעגענט און איז אוועק אהיים.

ארויסגעהענדיג פון רב, האט יעקב משה זיך פערטראכט, אליין נישט וויסענדיג פארוואס ער איז עפיס אומעטיג געווארען. א קלייניגקייט, דער גרויסער גאון און חכם דער פראנקפורטער רב גיט איהם פאר א איידעם זיין בעסטען תלמוד, און פארט פיהלט ער זיך עפיס אינערליך נישט צופרידען, אבער ער האט זיך בעמיהט צו בערוהיגען און אריינקומענדיג אין שטוב איז ער געווען זעהר אויפגעהייטערט.

זיין פרוי רחל האט איהם אבגעווארט מיט אונגעדולד און ווי גאר ער איז אריין אין זיין צימער, איז זי אריינגעגאנגען און געפרעגט:

נו, וואס הערט זיך יעקעלע? גאס האט דער רב געזאגט?

דער רב האט בעשטימט אלס חתן פאר אונזער חנה'לען דעם בעסטען בחור פון זיין גרויסער ישיבה, ער זאגט אז דאס איז א אויסערגעוועהנליכער עילוי, וועלכער וועט מיט דער צייט פערלייכטען די וועלט מיט זיין תורה און חכמה.

נו, געלויבט השי"ת—האט די פרוי געזאגט—אז עס האט זיך גראד געטראפען אזא פיינער בחור, פאר אונזער איינציגער טאכטער, גאט זאל געבען אז עס זאל טאקי זיין צו גרויס מזל. אבער זאג מיר, דו האסט דעם בחור געזעהן, ווי זעהט ער אויס?

איך האב איהם געזעהן, ווען כ'בין אריין צום רב איז דער בחור גראד געווען אין צימער, שמועסענדיג מיט'ן רב אין לערנען, און בעזונדער קען איך איהם שוין פון פריהער.

דו האסט איהם געזעהן? — האט די פרוי געפרעגט אין פערכאפטען אטעם— דו קענסט איהם זאגסטו, איז ער עפיס א שעהנער?

אויב ער איז א שעהנער, כ'ווייס—האט יעקב משה געזאגט האלבע ווערטער, און בעזונדער קענסטו איהם אויך.

איך קען איהם?—האט רחל ערשטוינט געפרעגט—פון וואנען זאל איך איהם קענען?

ווייל זינט א יאהר צייט עסט ער ביי אונז יעדען שבת און יעדען יום-טוב—האט יעקב משה געענטפערט מיט אנשטרענגונג און זיך בעמיהט צו בלייבען רוהיג.

וואס?—האט רחל ווי אויסגעשריגען—וועגען דעם דאזיגען בחור רעדסטו? דעם שווארצען בחור, וואס זעהט אויס ווי א ווילדע חיה וועסטו נעמען אלס חתן פאר אונזער חנה'לען? צי זענען מיינע שונאים משוגע געווארען?

איך האב זיך אין ערשטען מאמענט אבגעשטעלט אויף דעם—האט יעקב משה געענטפערט, ציהענדיג די ווערטער—עס איז מיר אויך אויסגעקומען קאמיש, ווייל דער דאזיגער בחור מיט זיין אויסזעהן מאכט א נישט-אנגענעהמען איינדרוק, אבער דער רב ר' נפתלי הכהן האט מיך פשוט אבגעשריגען און געזאגט, אז מיר דארפען זיך האלטען פאר א אויסערגעוועהנליך גליק וואס מיר בעקומען אזא אוצר פאר אונזער טאכטער. מען טאר נישט קוקען אויף זיין אויסערליכען אויסזעהן, ווייל אינעווייניג איז ער אנגעזאפט מיט תורה און חכמה.

רחל האט זיך א וויילע פערטראכט, איהרע אויגען זענען פייכט געווארען פון טרעהרען, ענדליך האט זי געזאגט:

דו ביזט געוויס קלוגער פון מיר, יעקב משה, איך בין נאר א נארישע פרוי, מן הסתם ביזטו גערעכט, ווארום דער עיקר איז דאך פארט תורה, אבער וואס וועט חנה'לע זאגען, ווען מען וועט איהר פארשטעלען פאר א חתן דעם דאזיגען בחור, אויף וועלכען זי וויל זאגאר נישט קוקען, ווען ער געפונט זיך ביי אונז אין שטוב?

געוויס מוז מען מיט איהר רעדען, מען מוז איהר ערקלערען, געבען צו פערשטעהן—האט יעקב משה געזאגט—אז א בחור, וואס איז אזא גרויסער לערנער, ווי דער רב זאגט, א בחור, וואס איז לויט'ן רב'ס ווערטער עלול צו זיין א גרויסער גאון אין תורה, איז געוויס אויך פעהיג צו קענען אנדערע חכמות, אויב מיר וועלען איהם לאזען לערנען, ער וועט אויך נישט זיין מיאוס, ווען מען וועט איהם פיין בעקליידען.

מאן און פרוי האבען זיך נאך א קורצע צייט בעראטען און זיי האבען בעשלאסען, אז רחל זאל נאך דעם זעלבען טאג רעדען וועגען דעם מיט זייער טאכטער, ווייל דער רב האט געזאגט אז דער דאזיגער בחור שטעהט אין זעהר פיעל שידוכים און מען קען דאס נישט אבלעגען.

4.

חנה'לע איז געווען א זעהר שעהן מיידעל, וואס עס איז געווען זעלטען צו טרעפען, זאגאר צווישען די יודישע טעכטער, די עלטערן האבען זי אויך געקליידט אין דער טייערסטער קליידונג און זי האט בעגייסטערט יעדען מענש, וואס האט זי דאס ערשטע מאל געזעהן.

ווי אלע רייכע טעכטער האט זי געלערנט אין א שולע אויסער דער יודישער געטא, און זי האט געהאט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און געמאכט גרויסע פארטשריטען אין די לימודים. אזוי איז זי געווען פעררעכענט אלס די בעסטע שילערין פון דער שולע.

איהר שעהנהייט און קענטניס האט זי געמאכט זעהר פאפולער, צווישען אלע שילער און שילערינס פון דער שולע, בעזונדער די קריסטליכע שילער און זאגאר די לעהרער, האבען שטענדיג ביי יעדער געלעגענהייט איהר געמאכט קאמפלימענטען און געזוכט מיט איהר צו רעדען.

ווען זי פלעגט אהיים געהן נאכמיטאג פון דער שולע אין דער יודישער געטא, האבען זי שטענדיג בעגלייט איינציגע אדער עטליכע פון די שילער, און טראץ דעם וואס חנה'לע אלס יודישע טאכטער איז פון דעם נישט געווען צופרידען, און זי האט זיך בעמיהט צו בלייבען גלייכגילטיג צו אלע קאמפלימענטען, האט זי אבער געוואוסט, אז זי איז שעהן און געבילדעט און שטעהט העכער ווי אנדערע יודישע טעכטער.

דעם זעלבען טאג אין אוונד נאך דעם געשפרעך, וואס איז פארגעקומען צווישען יעקב משה'ן און זיין פרוי, איז חנה'לע געזעסען אין איהר צימער פאר איהר איז געלעגען א בוך פון וועלכען זי האט געמאכט די לעקציע, אלע איהרע געדאנקען זענען געווען פערנומען, איהר יונגער מח האט עפיס פאנטאזירט, ווען די טיער האט זיך געעפענט און איהר מוטער איז אריין.

מאמע און טאכטער האבען זיך צוקושט און רחל האט געזאגט:

דו האסט אביסעל צייט טאכטערשי? וואס הייסט צי כ'האב צייט?

איך ברויך מיט דיר צו רעדען וועגען א זעהר וויכטיגער זאך—האט די מוטער געזאגט.

(פארטז. קומט).

יצחק גרינבוים.

(צו זיין פערלאָזען פוילען).

— 2 —

איינער פון מיינע נאָהנטסטע, א בעוואוסטזיניגער יונגערמאַן, האָט אמאָל רעדענדיג וועגען גרינבוימען צו מיר געזאָגט: איך האַלט, אַז גרינבוים איז נישט קיין פּאָליטיקער. און ווען איך האָב אויף איהם געקוקט מיט שטוינונג, האָט ער צוגעגעבען: פּאָליטיק, ווי בעוואוסט, בעשטעהט אויף שווינדעל, בעטרוג, אָבנאַרעריי, וואס גרעסער דער פּאָליטיקער איז אַלץ מעהר רמאי איז ער, דער קוואַליפיצירטער פּאָליטיקער רעדט קיינמאָל נישט אָפענהערציג, נאָר שטענדיג צווייידייטיג, ס'איז קיינמאָל נישט פיו ולבו שווין, נאָר ער זאָגט דאס און טראַכט גראָד פערקעהרט, ער טהוט זיך אָן פערשידענע מאַסקעס און מאַכט געוויסע מאַנעוורעס, כדי צו דערגרייכען זיין ציעל און וואס זעהען מיר ביי גרינבוים'ען? עהרליך, אָפענהערציג, זאָגט יעדען דעם אמת אין פנים אריין, פערהוילט קיינמאָל נישט זיינע פּאָליטישע ציעלען, נו, קען מען דאס אנרופען פּאָליטיקער? דאס קען הייסען א מוכיח, א מנהיג, א קעמפער, אָבער בשום אופן נישט קיין פּאָליטיקער אין דעם זין ווי די פּאָליטישע וועלט פערשטעהט דאס.

און ווען איך האָב זיך עטוואס פערטראַכט וועגען די אַרויסגעזאָגטע ווערטער, האָב איך געמוזט מודה זיין, אַז עס געפונט זיך אין זיי א געוויסע מאָס אמת. גרינבוים איז, ווי כ'האָב שוין דערמאנט אין פוריגען אַרטיקעל, געווען אַזוי בעהערשט אין אַדורכגעדרינגען מיט זיין עהרליכקייט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אויף קיין מאָמענט איינהאַלטען, נישט אויף א סעקונדע זיך פערשטעלען, נאָר באַלד איז ער אַרויס מיט'ן גאַנצען אַרסענאַל פון זיינע אַנשויאונגען, פון זיינע אידעאַלען, מיט וועלכע ער האָט אָבער ליידער נישט געקענט איבערצייגען די פּאָליטיקער, די וואס ווייסען אויך דעם אמת, נאָר זיי ווילען איהם נישט וויסען, וועלכע האָבען אפשר אויף איהם רחמנות געהאַט פאַר זיין תמימות און נאַאיוויטעט, אפשר טיעף אין האַרצען זיך בעצויגען צו איהם מיט עהרע און אַכטונג פאַר זיין עהרליכקייט, דרייסטען און מוטיגען קאַמף פאַר די יודישע רעכט, אָבער קיין ווירקונג האָבען זיינע אָפּענע און קלאָרע ווערטער אין דער פּאָליטישער וועלט נישט געהאַט און נישט געקענט האָבען.

מיר געדענקען אַלע די שמועה, וואס האט זיך געהאַט פערשפּרייט פאַר די קהלה-וואַהלען, אַז מען האט אין די העכסטע ספערען אונטערהאַנדעלט מיט דעפּ. גרינבוים וועגען א פערשטענדיגונג, אזא מין „אוגאָדא", אַז די ציוניסטען זאָלען בעקומען א געוויסען איינפלוס אין די קהלות, און מען האט דאמאלס געוואוסט צו דערצעהלען, אַז גרינבוים האט „צופיעל" געפאָדערט. וואָס מען האָט איהם נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט נאכגעבען, און די אונטערהאַנדלונגען האָבען צו קיין רעזולטאַט נישט דערפיהרט.

זעלבסטפערשטענדליך ווייסען מיר נישט אויף ווי ווייט די דאָזיגע שמיצה שטימט מיט דער ווירקליכקייט, אָבער מיר ווייסען אויך, אַז א געוויסע מאָס אמת איז דאָ פערהאַנגען, ווארום דעפּ. גרינבוים זעלבסט האט אמאָל אין זיינעם א אַרטיקעל וועגען דעם דערמאנט און עס נישט אָבגעלייקענט, און דאס האָט טאַקי דאמאלס אַרויסגערופען גרויס פערביטערונג אין געוויסע יודישע קרייזען, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז גרינבוים האָט בידים אויסגעליפערט די יודישע קהלות אין די הענד פון דער אגודה, און דערפיהרט דערצו, אַז כמעט אין גאַנץ פוילען איז נישט פערהאַן קיין ציוניסטישער אָדער מזרחיסטישער פּרעזעס פון קהלה-ראַט און פון דער פערוואַלטונג, טראָץ דעם וואס דער „כיבוש הקהלות" איז דאָך איינער פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון ציוניזם.

איך וויל זיך בשום אופן נישט אָבשטעלען אויף דער פּאָליטיק וואס דעפּ. גרינבוים האט געפיהרט בעת די פּאַרלאַמענט, וואַהלען אין לאַנד. דאס איז אַזאַ וויכטיגער פרק אין זיין תקופה אין פוילען, וועגען וועלכער קיין סתם-יוד איז געוויס נישט פעהיג צו זאָגען זיין מיינונג – אָבער די עצם זאַך, וואס מען האט אַזוי שטארק צוזאַמענגעקניפּט דעם ציוניזם מיט די סיים-וואַהלען, וואס מען האט דאס געמאַכט אַלס עיקר אין ציוניזם, איבער וועלכען עס האָט זיך זאַגאר געלוינט צי פעראורזאַכען גענוג גרויסע שפּאַלטונגען אין די ציוניסטישע רייהען גופא, דאס איז אויך א זאַך פון דער אונפערשטענדליכקייט פאר דעם פשוט'ען יוד און דעם סתם-ציוניסט.

און ווייסען מיר דען נישט אַז צוליב די וואַהלען האט מען פערנאַכלעסיגט די וויכטיגסטע ציוניסטישע ארבייטען. יצחק גרינבוים איז טאַקי דער מענש פון אונערמידליכקייט, ער האט צייט געהאַט צו אַלעם, און קיין זאַך וואס דאַרף געטהון ווערען פאר'ן יודישען פאָלק איז ביי איהם נישט פערנאַכלעסיגט געוואָרען, ער האט זאָגאַר אין מיט'ן גרעסטען ברען פון די וואַהלען, מיט וועלכע ער האט אָנגעפיהרט, קיינמאָל נישט פערגעסען אין דער וויכטיגסטער ציוניסטישער אַרבייט, וועלכע האט ביי איהם פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ. אָבער ווי האט דאס אויסגעזעהען אין אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילען? ווייסען מיר דאָך אַז אין פיעל יודישע שטעדט האָבען די אָרטיגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס א גאַנץ יאָהר נישט צוגעטהון קיין האַנד פאר א"י ארבייט, און ווען עס זענען אָנגעקומען סיים, קהלה, אָדער שטאָדט-ראַט וואַהלען, האָט מען אויפגעלעבט און געארבייט אויפ'ן גאַנצען פּראָנט, (און פון דעם זעלבען זעגען מיר עדות אויך ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו,) וואס עס מאַכט דעם איינדרוק אַז דער גאַנצער ציוניזם, די גאַנצע אויפבוי - אַרבייט פון אונזער נאַציאָנאַלער היים קאָנצענטרירט זיך אין סיים אָדער שטאָדט-ראַט.

עס איז פערשטענדליך און קיינער איז דאָך נישט אַזוי נאַריש צו האַלטען אַז אַזאַ מעכטיגע אָרגאַניזאַציע ווי עס איז די ציוניסטישע זאָל נישט האָבען איהרע פערטרעטער אין די רעגירונגס-אָרגאַנען, אַלס די פאָרשטעהער פון דעם נאַציאָנאַלען יודענטום, אָבער מען קען דאָך בשום אופן נישט מאַכען דעם תפל פאר'ן עיקר, און זאָגען אַז דאָס איז אַלעס, און מיט דעם איז מען שוין יוצא לגבי אונזער ארץ-ישראל, און איהר אויפבוי. און דעפּ. יצחק גרינבוים אַלס פיהרער פון פּוילישען ציוניזם, און אַלס מענש מיט דער גרעסטער אָריענטאַציע, אַלס מענש פון לאָגיק און פּראַקטישקייט, האט מעגליך געדאַרפט וויסען אַז נישט יעדער האט אַזאַ גרויסע מאָס ענערגיע, ווי ער, אַז נישט יעדער איז בבחינת „מלאך אחד עושה שני שלוחות", און אַז דורכ'ן בעשעפטיגען די מוחות מיט וואַהלען פערנאַכלעסיגט מען דעם עיקר שבעיקרים אין ציוניזם.

אָבער, ווי איך האָב שוין דערמאנט, אפשר האט ער זיך טאַקי אַרומגעזעהן אַז ס'איז „לא אכשר דרא", אַז דאָס פּוילישע יודענטום האָט איהם נישט פערשטאַנען און ער איז אַוועק אין דער ברייטער וועלט וואו ער וועט פאָרטזעצען זיין אַרבייט פאַר דער פערווירקליכונג פון די הויכע אידעאַלען, פאר די ערהאבענע אויפגאַבען, אין קאַמף פאר די יודישע רעכט אין ארץ-ישראל אין גלות.

י. פלאַצקער.

די פורים-פייערונגען אין תל-אביב*)

פון **יהודה ליב אשר** תל-אביב.

אין דער צייט ווען די שטימונג אין דער גאַנצער וועלט איז א געדריקטע, האָבען מיר קינז'ער פון תל-אביב, זוכה געווען צו זעהען א אויפלעבונג אין לאַנד און אין האַרץ פון יעדען ארץ-ישראל יוד האט זיך דערוועקט אַזאַ פרייד וועלכע מיר האָבען שוין נישט געזעהן זייט די ערעפנונג פון אוניווערזיטעט. טאָג-טעגליך האָבען פיעל שיפען געבראַכט אונזערע ברידער אין לאַנד אַריין, פול מיט האָפנונג און פרייד צו פייערן די גרויסע ימים-טובים אין ארץ ישראל.

דער פורים האט זיך בעוויזען שוין פון פרייטאָג ביינאַכט. די גאַסען זענען געוואָרען פערפולט מיט יוגענד וועלכע האט ביז נאָך האַלבע נאַכט געטאַנצט און געזינגען, די גאַנצע שטאָדט איז געווען פרעהליך און די אָנגעקומענע יודען פון אַלע עקען וועלט האָבען מקבל נחת געווען און פיעל האָבען זאָגאר מיטגעטאַנצט.

שבת בייטאָג זענען אַלע גאַסען און פלעצער געוואָרען פערפולט מיט טוריסטען און אָנגעקומענע געסט פון חוץ לארץ און פון לאַנד גופא, אָבער שבת צו-נאַכטס האט זיך ערשט אָנגעפאַנגען די ריכטיגע פרייד, עס האָבען געשפּילט עטליכע אָרקעסטערס אין פערשידענע פונקטען פון שטאָדט און אויף דעם פּלאַץ פון דער „אָפּערע", די יוגענד האט געזינגען, געטאַנצט און גערוישט ביז שפּעט אין נאַכט. זונטאָג פריה האט זיך שוין דער פורים גוט געפיהלט אין שטאָדט, אַלע וויסטאַוועס זענען געווען אויסגעשטעלט מיט פורים אַרטיקלען, פערשידענע מאַסקעס, קאָסטיומען אז"וו. אַלע באַלקאָנען און הייזער-טעראַסעס זענען געווען בעפוצט מיט פורים פעהנער, אויף אַלע עלעקטרישע דראָטען זענען געווען אַרויפגעצויגען פעהנער, אין אַלע פונקטען פון שטאָדט זענען געווען אויסגעשטעלט ספּעציעלע שעהן דעקאָרירטע בודקעס צו פערקויפען די פורים אָבצייכנונגען, די פּאַטעפאָנען מיט מעגאַפאָנען האָבען זיך געהערט א גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין נאַכט אַריין, פון אַלע וועגען האָבען זיך געצויגען כמאַרעס מענשען קיין תל-אביב, די באַהנען מיט אויטאָמאָבילען זענען געווען געפּאַקט אַזש אויף די דעכער, די האָטעלען און רעסטאָראַנען זענען געווען געפּאַקט און מענשען האָבען געמוזט פאַהרען נעכטיגען אין די אַרומיגע נאָהנטע קאָלאָניעס. טויזענדער קינדער געקליידעט אין פורים קאָסטיומען האָבען געצויגען אין די גן-ילדים אריין צו זייערע פורים פאָרשטעלונגען, אַלע אויטאָמאָבילען זענען געווען בעפוצט מיט פורים פעהנער. אין „מרכז" (הויפּט צענטער) איז געוועזען פערשפּרייט איין גרויסע נעץ פון טויזענדער עלעקטרישע לעמפּלעך אין דער פאָרם פון א רונדיגען אַבאַזשאַר. ביי דעם אָפּערע אין הויפּט-צענטער שטאָדט צו ים, איז געוואָרען פערשטעלט דער וועג פאר אויטאָמאָביל פערקעהר און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען א ספּעציעלע פורים געביידע 3 שטאָק הויך (אַזאַ מין סצענע) וואס האט זיך גערופען „ארמון אסתר", אין 3-טען שטאָק פון דער געביידע זענען געווען אויסגעשטעלט גרויסע פיגורען פון אסתר המלכה, מרדכי הצדיק און אחשורוש. די גאַסען האָבען בעקומען ספּעציעל אויף פורים פערשידענע נעמען פון דער מגילה, (ווי: שושן הבירה, דורש טוב לעמו, ויתאפק המן.

אין „מרכז בעלי מלאכה" איז געוואָרען אויפגעשטעלט דאָס ספּעציעלע פורים „פּאַראַדנע טריומף טויער" בעפוצט מיט פערשידענע פורים אויפשריפטען (ליהודים שמחה וששון) און מיט טאַנצענדיגע פיגורען.

מאָנטאָג 6 פאַרנאַכט האָבען אַלע שיפען פון פּאָרט יפו אָנגעהויבען צו פייפען און גרילצען אויך אַלע פאַבריקען און די אַלאַרם-סטאַציע פון תל-אביב'ער פייערלעשער האָבען אַלע צוזאַמען אויסגערופען דעם אָנפאַנג פון יו"ט פורים. 4 מכבים פערקליידעט אין פורים קאָסטיומען זענען אַרומגעפאַהרען אין שטאָדט מיט סיגנאַלען פון טראָמפּייטערס, די גאַסען האָבען בעקומען א הערליכען יו"טדיגען אויסזעהן, ביז פינפציג טויזענד מענשען האָבען זיך פערזאַמעלט פאַר דעם אָפּערע פּלאַץ, דעם „ארמון אסתר". אַלע טעראַסעס, דעכער און הויכע פלעצער זענען געווען איבערפולט מיט טויזענדער מענשען.

מאָנטאָג האַלב 7 אָוונד איז אויף דעם „ארמון אסתר" דורך 4 מכבים מיט טראָמפּייטערס געעפענט געוואָרען דער יו"ט פורים. מכבי'ער מיט זייערע מאָטאָציקליסטען האָבען געמאַכט א גדר פון גרויסען עולם מענשען ביז צו „ארמון אסתר". עס זענען געוואָרפען געוואָרען פערשידענע פייערווערק וואס האָבען בעלויכטען דעם פּלאַץ און פעררייסען די אויגען. א מענגע לאַסט-אויטאָמאָבילען מיט ספּעציעל אויסגעשטעלטע בענק צו זיצען זענען אַרומגעפאַהרען פון פּלאַץ צו פּלאַץ מיט א ספּעציעל אָרגאַניזירטען כאָר און געזינגען מיט א ספּעציעלען ניגון „שושנת יעקב" און דער גאַנצער קהל האט מיטגעזינגען. עלטערע יודען מיט פרויען זענען געשטאַנען און מיט ערנסטע פרייד מיטגעזינגען, עס האט ווירקליך פאַר פרייד אַרויסגערופען טרערען אין די אויגען.

די אָרקעסטער פון „מכבי אש" האט געשפּילט און דער עולם האט געטאַנצט ביז אין ווייסען טאָג אַריין, מענשען זענען געפאָהרען אויף די מאַסקען בעלער וואס זענען פאָרגעקומען אין תערוכה" פון אגדתי מיט אוהל פורים פון „מטאטא" און „מנורה" און נאָך פיעל אנדערע.

דעם דינסטאַגדיגען טאָג זענען פאָרגעקומען פערשידענע שפּילערייען אין די גאַסען און פערשידענע טיילען פון שטאָדט, האָבען זיך בעוויזען פאָרשטעלונגען, די מכבי מיט מאָטאָציקלען זענען אַרומגעפאָהרען איבער אַלע גאַסען, די גאַנצע שטאָדט האט מיטגעטאַנצט און מיטגעזינגען מיט די פיעלע אָרקעסטערס.

אויך זענען פאָרגעקומען פערד געיעגען ביים „ירקן", רייטערס פון תל-אביב און אַרומיגע קאָלאָניעס אין ספּעציעלע קאָסטיומען מיט מאַסקעס האָבען אַרומגעריטען אין שטאָדט, אין שפּיץ האָבען געריטען ה' דיזענהאָף דער בירגערמייסטער פון שטאָדט און ה' שפּירא פון פתח תקוה.

דינסטאַג ביינאַכט איז פאָרגעקומען די פאָרשטעלונג אויף דעם ארמון אסתר (ווי עס האָבען זיך ווידער פערזאַמעלט ביז 50 טויזענד מענשען צווישען זיי אין די טויזענדער אַראַבער מיט די רויטע פעפקעס אויף די קעפּ) און דורך א קבוצה פון קינדער פון „בן שמן" זענען געוואָרען אויסגעפיהרט פערשידענע פרעמדע פאָלקס - טענץ ווי: „מדרום גרמניה", „רקוד צרפתי", „רקוד אונגרי", כפרי עתיק, „לזגנקה, רקוד רורי און צו לעצט „הורה" פון אגדתי. און ווידער האָבען אין די צווייטע נאַכט געצויגען גאַנצע רייהעס אויטאָמאָבילען מיט דראָשקעס אין פורים קאָסטיומען אויף די מאַסקען-בעלער ביז אין דער פריה.

מיטוואָך פריה אין טאָג פון די עדלידע (קאַרנאַוואַל) איז געווען א זעהר שעהן וועטער, איבער מיטאָג צייט ווען דער צוג האט געוואָלט ריהרען פון פּלאַץ, האט זיך דער הימעל שרעקליך פערוואָלקענט און מענשען זענען געשטאַנען פול מיט האַרץ קלאַפּעניש, פון איין זייט קוקט מען אין לאַנד אַרויס מיט אויסגעשטרעקטע הענד אויף דעם רעגען וואס מען דאַרף זעהר און זעהר נויטיג האָבען און פון דער צווייטער זייט האָבען מיר זיך געשראָקען, אַז אונזער יום - טוב, וואס האט געקאָסט אַזוי פיעל מיה און אַרבייט און אַזוי פיעל אָנגעקומענע געסט צו פייערן דעם פורים, זאָל אונז ח"ו נישט פערשטערט ווערען, און אונזערע שונאים (די אַראַבער) זאָלען נישט האבען קיין נקמה. אָבער גאָט האט אונזער שטיל געבעט צוגעהערט און אונזער שעהנעם פרעהליכען יום-טוב פורים נישט פערשטערט.

שוין פון 12 א זייגער אָב זענען געווען בעדעקט אַלע דעכער, טעראַסען מיט טויזענדער מענשען, מיט טויזענדער פּאָטאָגראַפיסטען און יעדער האָט געזוכט בעצייטענס צו פערכאַפּען א בעסערען פּלאַץ און די גאַנצע לענג פון אַלענביי-גאַס האָבען זיך אויסגעשטעלט טייזענדער מענשען (מען שאַצט ביז 100.000 מענשען אין תל-אביב). א סך עפענדיס, אַראַבישע רייכע אויטאָמאָביל - אייגענטימער זענען געקומען קיין תל-אביב מיט בעפוצטע פורים-אויטאָמאָבילען צוצוזעהן דעם יודישען יום-טוב. די אָרדנונג איז געווען מוסטערהאַפט, קהל האָט זיך צוגעהערט צו דעם בעפעהל פון די אָרדנונג-האַלטער (צו די מכבים, מאָטאָציקליסטען און יודישע שוטרים).

3 א זייגער האט די תהליכה (דער צוג) אָנגעפאַנגען צו ריהרען פון רחוב העליה און אַדורכגעגאַנגען די הויפּט-גאַס אַלענביי (שושן הבירה) און דערנאָך די גאַסען: אליעזר בן יהודה, פרישמאַן, הירקון, שלום עליכם און צוריק אַדורך נחלת בנימין הערצל.

אין דער שפּיץ תהליכה זענען געפאָהרען מכבים מיט מאָטאָציקלען און אָבגערייניגט דעם וועג. נאָך זיי איז געפאָהרען אַנ'אויטאָמאָביל מיט די שופטים פון קאַרנאַוואַל, עדלידע, דערנאָך האט מען געטראָגען דעם סמל תל-אביב, אין ביידע זייטען פעהנער, יודישער פאָהן און פורים-פאָהן, דערנאָך איז געריטען דער געליבטער בירגערמייסטער פון תל-אביב ה' דיזענהאָף מיט ה' שפּירא פון פתח-תקוה, מיט א גאַנצע רייהע רייטער פון תל - אביב און אַרומיגע קאָלאָניעס יהודה והגליל מיט יודישע פעהנער.

די שענסטע מאַסקעס זענען געוועזען: העליות לארץ, עלית אברהם אבינו, מיט אָריגינעלער קליידונג, עלית יהושע, עלית עזרא ונחמיה, עלית החסידים לצפת, מיט חסידישע טענץ און געזאַנג.

ווייטער איז געגאַנגען א פּאָליטישע מאַסקע: גזירת העליה, סטופּ אימיגריישין, אָבער איך בין נישט אימשטאַנד אויסצורעכענען אַלע מאַסקעס פון דעם גאַנצען צוג וואס האט זיך געצויגען 3 שעה לאַנג מיט די פערשידענע רעקלאַמעס, א שעהנע מאַסקע וואס איז ווערט צו בעשרייבען זענען געווען אַלע המנ'ס פון פערשידענע צייטען: המן, חמילניצקי, טיטוס, פּטלורה, היטלער, פּרעה, פּרופ. קוזה אז"וו.

עס איז ווערט צו בעמערקען ווי די טוריסטען פון אַלע עקען וועלט, זענען געווען בעגייסטערט פון די גרויסע שמחות, זיי האָבען נישט געהאַט קיין ווערטער פון בעגייסטערונג, זיי זאָגען אַז דאָס וואס זיי האָבען ביז איצט געהערט פון דערווייטענס דורך צייטונגען איז נישט קיין 10 פּראָצ. פון דעם, וואס זיי האָבען איבערלעבט פורים אין תל אביב. אויך זענען זיי זעהר צופרידען פון דעם וואס די אַראַבער האָבען זיך מיטגעפרייט און געטאַנצט מיט די יודען.

אַזוי ווי דורך א צייכען האט זיך פונקט 6 אזייגער נאָכ'ן ענדיגען די „תהליכה" אַראָבגעלאָזט א שטאַרקער רעגען און שטורם ווינד, וועלכער האט אָבגעשוואַנקט די גאַסען פון שטויב און דורך די עטליכע מינוטען וואס דער שטורם האט געהערשט האט ער בעוויזען א לאַסט שיף וואס איז געשטאַנען אין פּאָרט יפו צוריק צושליידערן צום ברעג און אַריינצוואַרפען צווישען די שטיינערנע בערג וואס מען קען זי נאָך ביז היינט נישט ריהרען פון אָרט און שטייט נאָך אין א געבויגענער פּויזע.

אַזוי האָט זיך מיט פרייד געענדיגט בשלום פורים אומגעשטערט און די ברכה פאַר דעם לאַנד איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט, הלואי אויף ווייטער גוטעס אין ארץ ישראל.

אין צווייטען בריעף וועגען דער „מכבידה".

*) צוגעשיקט מיט א פערשפּעטיגונג.

יודישע פרנסות אין אמאליגען פוילען.

די יודישע בעפעלקערונג אין פוילען איז ביז צום 15-טן יאהרהונדערט געווען זעהר א שיטערע יודישע משפחות פלעגען גרופענווייז קומען קיין פוילען און גאנץ שיטער בעזעצען זיך אין בעזונדערע שטעדט און שטעדטלעך. ערשט אינ'ם 15-טען יאהרהונדערט בעת מען האט די יודען שטארק גענומען טרייבען פון די שכנות'דיגע לענדער, בפרט פון דייטשלאנד, האט די יודישע מאסע אנגעהויבען וואקסען אין פוילען. פון עטליכע צעהנדלינג יודישע ישובים אינ'ם 15 האבען זיך אין 16-טען יאהרהונדערט געשאפן עטליכע הונדערט ישובים. ערשט דעמאלט קען מען רעדען וועגען א יודישען מאסען-ישוב אין פוילען.

די יודישע עמיגראציע קיין פוילען האט זיך געצויגען מיט צוויי שליאכען פון מזרח און פון מערב, פון דער יודיש-כוזרישער מלוכה און פון דייטשלאנד, בעהמען, עסטרייך א"א.

די ערשטע עמיגראציע פון כוזרים-לאנד איז זיכער געווען אנ'עלטערע ווי די מערב'דיגע, ווייל די כוזרישע מלוכה איז אונטערגעגאנגען מיט א 1000 יאהר פריהער און דעמאלט האט זיך דאס שארית הפליטה א לאז געטהון אין אנדערע לענדער, דערונטער אויך קיין פוילען.

איצט וועלען מיר זיך בעשעפטיגען מיט דער ווירטשאפטליכער ראל פון די מערב'דיגע יודישע עלעמענטען, מיט דער השפעה, וועלכע ס'האבען געהאט אויף פוילען די יודען פון דייטשלאנד און פון אנדערע מערב'דיגע לענדער. זייער בעדייטונג איז געווען א סך גרעסער ווי פון די כוזרישע עלעמענטען. ראשית דערפאר, ווייל די כוזרישע יודען, וועלכע זענען אריינגעדרינגען קיין פוילען, האבען זיך אממיינסטען קאנצענטרירט אין מזרח און זענען טאקי אונטערגעגאנגען דאמאלס, ווען די טאטערישע אנפאלען אין 13 יאהרהונדערט האבען איינגאנצען חרוב געמאכט דעם מזרח'דיגען קאנט. דער רעשט כוזרישע יודען האט זיך אינגיכען אויסגעמישט מיט די כסדר צוקומענדיגע דייטשע יודען, וועלכע האבען גאר אינגיכען איינגעשלינגען דאס הייפעל איבערגעבליבענע כוזרישע יודען.

דער ווירטשאפטליכער כאראקטער פון די פוילישע יודען בעת'ן מיטעלאלטער און אין די שפעטערדיגע צייטען איז דער עיקר אבהענגיג געווען פון די דייטשע מערב'דיגע יודען, זיי האבען עס אויסגעפרעגט דעם חותם אויף דער עקאנאמישער סטרוקטור פון די פוילישע יודען. היות ביי זיי האט דאמינירט דער האנדעל און קרעדיט, דעריבער האבען אויך ביים פוילישען יודענטום איבערגעוואויגען די דאזיגע פראפעסיעס.

די ווירטשאפטליכע ראל און בעדייטונג פון די יודען און דעם יונגען אונענטוויקעלטען פוילען איז דאמאלס געווען א ריזיגע, ממש נישט צו בעשרייבען. ס'ווערט אין אלגעמיין אנגענומען אז די גוטע בעציהונג פון די פאליאקען צו די ערשטע יודישע עמיגראנטען אין פוילען איז געווען א פועל-יוצא פון דער גוטהארציגקייט פון די פאליאקען, פון זייערע איידעלע געפיהלען אדער גאר... פון די שיינע אויגען פון דעם אפאטשנער, שניידערס א טאכטער, אסתר'קע, די לעגענדארע געליבטע פון מלך קאזשימירז דעם גרויסען.

די 2-טויזענד יאהריגע ערפאהרונג לערנט אונז אבער, אז די רדיפות אדער מילדהארציגקייט פון הערשער און פעלקער איז תמיד געווען א פועל-יוצא פון גאר אנדערע פאקטארען, פון די פאקטארען, וואס זענען דעצידירענדע אין לעבען, פון די עקאנאמישע בעדינגונגען.

אויב מיר לייענען אין דער כראניק פונ'ם עלטסטען פוילישען כראניסט ווינצענטי קאדלובעק, אז פאר דערהרגענען א יוד, האט מען בעשטראפט מיט אזא שטראף, מיט וועלכער מען האט בעשטראפט פאר טויטען א פריץ איז עס א פועל-יוצא דערפון וואס די יודען זענען דעמאלט געווען נויטיג פאר'ן לאנד און דעריבער האט מען זיי אביגעהיט ווי א אויג אין קאפ און דערפאר האט מען דעם יודישען קאפ געשעצט העכער ווי דעם קאפ פון א פויער.

די מערב'דיגע יודען זענען אין דאמאלסדיגען פוילען געווען דער עלעמענט פון פראגרעס, פון פארטשריט. זיי זענען עס געווען די יעניגע, וואס האבען אין לאנד אריינגעברענגט אנ'אויפלעבונג, זיי האבען א ריהר געטהון דעם האנדעל, ארויסגעפיהרט פון לאנד די לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען און וואלד - אויסארבייטונגען און אריינגעברענגט אין לאנד די פראדוקטען פון מערב, די נאטירליכע רייכטימער פון לאנד איז זאלץ, קיפער, אייזען א. א. וו., וואס האבען ביז יעצט שטיל געדרימעלט אין שויס פון דער ערד זענען א דאנק דער יודישער ענערגיע און איניציאטיוו ארויסגענומען געווארען פון דער טיפעניש פון דער ערד. מיט איין ווארט – די ראל פון די מערב'דיגע יודען אין פוילען איז אין לשער און נישט קיין סענטימענטען אדער רחמנות-געפיהל האבען דיקטירט די פוילישע מושלים אויפצונעהמען די יודען פון מערב און בעשענקען זיי מיט רעכט און פרייהייט.

די דאמינירענדע בעדייטונג פון די יודען אין פוילישען האנדעל הויבט זיך שוין אן פון גאר אלטע צייטען, נאך איידער פוילען איז ארויף אויף דער געשיכטליכער ארענע, נאך אין יענע צייטען, ווען ארום דער פוילישער געשיכטע האט זיך בלויז געוועבט א קראנץ וואונדערבארע לעגענדעס וועגען די פערשידענע לעשקעס, פאפיעלעס, קראקוסען, וואנדעס אא"וו.

שוין אין יענע צייטען בעגעגענען מיר אין פוילען יודישע סוחרים, וואס פאהרען אדורך די סלאווישע לענדער, צ. ב. בעהמען, פוילען, רוסלאנד צו דער כוזרישער מלוכה און פון דארט ווייט קיין אזיע. גענויע פרטים וועגען די דאזיגע סוחרים, וואס פערבינדען דעם אייראפעאישען מערב מיט די אזיאטישע לענדער זענען אונז נישט בעקאנט. און דאס איז באמת א שאד ווייל זעהר אינטערעסאנט האט געמוזט זיין דאס לעבען פון די דאזיגע פעהיגע, אינטערנאציאנאלע יודישע וועלט-סוחרים, וואס האבען געהאט די דרייסטקייט ביי די דאמאלסדיגע שווערע ווילדע קאמוניקאציע - פערבינדונגען זיך לאזען אין וועג צווישען אומבעקאנטע פרימיטיווע פעלקער, וועלכע האבען נישט געוואוסט וואס הייסט דאס אזוינס האנדעל, געלד וכדומה.

אין די קנאפע קוועלען, וועלכע דערצעהלען אונז וועגען די דרייסטע יודישע סוחרים, ווערען זיי אנגערופען ר א ד א נ י ט ע ן. פון וואנען ס'נעמט זיך דער נאמען איז נישט קלאר. א טייל האבען געמיינט, אז דאס ווארט ראדאניטען איז פערגרייזט, אז ס'דארף זיין ראבאניטען, ד. ה. די אנהענגער פון רבנים אין געגענזאץ צו די קראמי. לויט נייעסטע אויספארשונגען האלט מען, אז דאס ווארט נעמט זיך פון דעם פראנצויזיש - דייטשען וואסער ראדאן. פון דארט, פון די שטעדט ביים וואסער ראדאן האבען זיך דער עיקר רעקרוטירט די דאזיגע סוחרים און פון דאנען האבען זיי גענומען זייער נאמען.

די ראדאניטען זענען געווען ערשטקלאסיגע סוחרים, זיי האבען געהאט זייערע אבטיילונגען (פאקטאריעס) אין די וויכטיגסטע שטעדט פון מזרח.

ד"ר י. רינגעלבלום.

דער אינקרימינירטער אפיקומן.

א בלעטיל ליידענסגעשיכטע פון די יודען אין פוילען.

פון משה פיינקינד.

פאר פסח אין יאהר 1407, אין דער צייט פון יאגעלא'ס ממשלה, האט זיך די סצענע אבגעשפילט.

די אלטע פוילישע רעזידענץ קראקא איז געווען דער שוי - פלאץ און דער גלח בודעק--דער הויפט-העלד.

א משומד האט דעם דאזיגען אבערגלויבישען גלח אין קראקא איינגערעדט אז יודען מוזען האבען קריסטליך בלוט אויף פסח צום אפיקומן...

דער גלח האט געהאלטען די דאזיגע פאבעל פאר א ריינעם, נישט וויסענדיג אפילו, וואס ס'איז אזוינס אפיקומן און מיט וואס מ'עסט דאס... נישט פערשטעהענדיג אויך און נישט קענענדיג אליין די בעדייטונג און דעם טייטש פון דעם דאזיגען העברעאישען „פרעמד-ווארט", האט דער אומוויסענדער משומד דעם גלח פערטייטשט, אז „עוויקאמען" (אזוי שטעהט פערשריבען) בעדייט בלוט, וואס ס'ווערט אריינגעטהון אין אונגעזאלצען (שטאטס אונגעזויערט) ברויט, אדער אין ווייץ צום קידוש, וואס די יודען מוזען עסען און טרינקען אין די סדר-נעכט.

די דאזיגע „מצה" – האט ווייטער דער משומד דעם גלח איינגערעדט – בעהאלטען די יודען צווישען די קישענעס, איינגעוויקעלט אין א ספעציעלע פאטשיילע און אויף די קישענעס ציהט זיך יעדער יוד אויס אין די סדר-נעכט אין דער לענג און אין דער ברייט ערשט נאכ'ן ענדיגען די פייערליכע מאהלצייט אין די ערשטע נעכט פון פסח, ווערט דער מיט קריסטליך בלוט געבאקענער אפיקומן ארויסגענומען פון אונטער'ן בעטגעוואנד און דער בעל-הבית גיט יעדען פון בני-בית א שטיקעל דערפון צו עסען.

דאס דאזיגע אומגעלומפערטע מלשינות האט שטארק געווירקט אויף דעם נארישען גלח, און וועלענדיג אויך די

מיין הגדה של פסח.

א קליינע הקדמה.

נישט מיט קיין גרינג הארץ זעץ איך זיך אוועק מסדר זיין די הגדה, ווארום דער עיקר איז דאך נישט די הגדה, נאר די קניידלעך, און קניידלעך, איז אנ'איידעלע זאך, און ווידער האלטען אין איין זאגען און נישט געבען, בין איך דאך נישט קיין כלל-טהוער...

מען מוז דאך אבער יוצא זיין ידי חובתו, עס איז דאך א טראדיציע און דאס איז טאקי דאס גרויסקייט פון יודישען פאלק, וועלכעס קען זיך ביי אלע סיטואציעס אנ'עצה געבען, אבי צו בלייבען טריי דער טראדיציע.

אויך איך הקטן וויל זיך האלטען אין די דאזיגע טראדיציע, און אזוי ווי יעדעס יאהר וועל איך אויך היי-יאהר שרייבען „מיין הגדה של פסח" כאטש דאס הארץ איז פערביטערט, די אויגען האבען זיך אין משך פון יאהר אנגעזעהן אזויפיעל עולות, אונגעהויערע ליידען פון אונזערע ברידער, אז עס ווילט זיך אויסשרייען פאר וועהטאג אזוי, אז די וועלט זאל חרוב ווערען, נאר מען מוז צוימען די נערוועז און מיט א געמאכטער רוהיגקייט זיך אוועקזעצען צום סדר טיש און אנהויבען זאגען די הגדה.

ביעור חמץ.

אזוי ווי קיין חמץ האסטו נישט געהאט אזוי פיעל, אז עס זאל דיר איבערבלייבען אין די ווינקעלעך, אבער דאך מוזטו מקיים זיין די מצוה פון ביעור חמץ, טא זיי מכון, אז עס וואלט שוין צייט געווען, אז מען זאל אויסרוימען דאס חמץ פון אונזער געזעלשאפטליך לעבען, אה, דארט זעהסטו, איז פערהאן צופיעל חמץ און „זויער טייג", און וואס א גרעסער חמץ אלץ מעהר איז ער אנגעזעהן, מאכט מען איהם פאר א פיהרער, פאר א דעה זאגער.

דאס דאזיגע חמץ מעהרט זיך צוזאמען מיט אונזערע צרות, וואס גרעסערע אומגליקען עס קומט אויף אונז, אלץ מעהר רייסט זיך דאס דאזיגע חמץ אריין אין אונזער לעבען און זיי פערזויערען אונז די יאהר.

דאס דאזיגע חמץ האט זיך ליידער אריינגעכאפט אין אלע אינסטיטוציעס, אזוי צווישען די סקארב-זיצערס, אין דער קהלה, אין סיים, אין הילפס-קאמיטעט, און וואו נישט? און דאס יעהרט און זויערט און מאכט אן אנ'עיפוש.

אמת איז, אז איינציגווייז ווערט דאס דאזיגע חמץ אויסגערוימט, אבער צו וואס ווארטען, יעדער טאג איז א שאד.

בעגניגען דיך נישט דעריבער מיט א הילצערנעם קאכלעפעל, נאר נעם אנ'אייזערנעם בעזים און רייניג אויס אונזער מחנה פון די אנגעלאפענע פאסקודניאקעס, פון דעם העסליכען חמץ.

אויב דו וועסט אזוי טהון, וועסטו באמת מקיים זיין דעם ביעור חמץ.

איצט טהו אן דעם קיטעל, זעץ דיך אוועק אויפ'ן היסב-בעט (דאס איינציגע וואס דער סקארב האט דיר נישט געקאנט צונעמען) און הויב אן צו זאגען די הגדה.

הא לחמא עניא.

דאס שטיקעל ברויט, זיסער טאטע, ווי שווער און ביטער קומט עס אונז אן א גאנץ יאהר און מכל שכן אויף פסח.

וויפיעל בלוט און טרעהרען קאסט עס אונז, ביז מיר קאנען עס געבען אונזערע קינדער.

הא לחמא עניא. דאס ארימע ברויט, די מצות, וואס זענען פערקנעטען נאר מיט אביסעל וואסער, אבער דאך ווי שווער קומט עס אן ביז מען בעקומט עס אין שטוב אריין, לחמא עניא, וויפיעל מענשען האבען דערביי שוועהר און ביטער געארבייט 18 שעה אין מעת לעת אבי זיי זאלען קענען פערדינען אויף דעם „ארימען ברויט", וויפיעל יודען האבען זייער פנים געגעבען צו וואשען, אז זיי זאלען בעקומען דעם לחם עוני.

הא לחמא עניא, וויפיעל יודען האבען נאך פאראיאהרען געגעבען קמחא, און היינט ליידער מוזען זיי אליין אויסשטרעקען די הענט נאך דעם ארימען ברויט.

כל דכפין, ווער עס איז הונגעריג? אדרבה, זייט א בעלן און ווייזט מיר כאטש צעהן פראצענט יודען, וואס זאלען זיין זאט? אלע זענען הונגעריג און אויב עס טרעפט זיך יחידים, וואס זיי ווייסען נאך נישט דעם טעם פון הונגער, ווערען זיי צוליעב דעם הו הא, צוליב'ן טויט שרעק פאר דער ארומיגער סביבה אויך אבגעשראקען, בעהאלטען זיי די פאר גילדען און שרייען אויך, אז זיי זענען הונגעריג...

השתא עבדי, היינט זענען מיר קנעכט, און איה"ש אויפ'ס יאהר וועלען מיר זיין פריי, זעהט איהר, דאס איז אפשר אמת, היי - יאהר קאן זיין, זענען מיר נאך קנעכט, האבען מיר נאך אנ'עול פון צאהלען דירה געלד, פאר עלעקטרישע בעלייכטונג, וואסער און שטייערן, לשנה הבאה איה"ש איבער א יאהר אויב עס וועט אזוי געהן וועלען מיר מיט גאטס הילף שוין זיין בני חורין, פריי פון אלע צרות, מיר וועלען לאכען, מיר וועלען שוין נישט האבען וועגען וואס צו זארגען, מיר וועלען שוין גארנישט האבען צו צאהלען און במילא וועט מען פטור ווערען פון אלע צרות, מיר וועלען זיין די אמת'ע בני חורין.

מה נשתנה.

ווארט נישט, ביז דער זוהן וועט דיך פרעגען (ס'וועט דיר אויסקומען לאנג צו ווארטען...) זיי דיך מקדים און פרעג איהם צוערשט.

פרעג: פארוואס, זוהנעלע, אינטערעסירען דיך נישט די ליידען פון דיין פאלק און אנשטאט איהם צו העלפען דרעהסטו זיך אויס צו איהם מיט'ן רוקען, פרעג דיין טאכטער די געבילדעטע פריילין, פארוואס זי האט ליעב אלץ וואס איז נאר נישט יודיש.

מה נשתנה, פארוואס איז דאס אזוי, אט איז שוין באלד א יאהר ווי עס זענען פארגעקומען די קהלה וואהלען און פונדעסטוועגען איז אלץ נאך נישט ערלעדיגט, פארוואס זאל ביי אונז הערשען נאר מחלוקת און קנאה-שנאה.

מה נשתנה, פארוואס זענען אונזערע צירות פערענדערט אז מיר זאגען נישט דאס, וואס דאס הארץ מיינט.

מה נשתנה, פארוואס איז אונזער לאגע ערגער פון אלע פעלקער, ווען די גאנצע וועלט ליידט פון קריזיס ליידען מיר אבער אויך גייסטיג, איז פאר אונז פערשלאסען אלע טויערען פון לעבען. מיר זענען איבריגע אויף דער וועלט, אלע ווארפען זיך מיט אונז, יעדען איז מען צופיעל אין די אויגען.

מה נשתנה, פאר וואס און פאר ווען קומט דאס אונז, ווי לאנג נאך וועט מען אונז פערביטערן דאס לעבען, עד מתי? ווי לאנג נאך וועלען מיר זיין אין גלות, מה נשתנה און צום טויזענדסטען מאל מה נשתנה?

עבדים היינו.

קנעכט זענען מיר געווען דאמאלס ביי פרעה'ן און קנעכט זענען מיר געבליבען. מיר קאנען זיך נישט פון דער קנעכטשאפט בעפרייען, אונז איז שלעכט ווייל מיר זענען קנעכט, אין משך פון די טויזענד יעהריגע גלות צייטען האבען מיר אין זיך איינגעזאפט דעם שעבוד, אזוי אז עס איז זיך שווער פון איהם צו בעפרייען. אמת, אין ארץ-ישראל וואקסט אנ'אנדער פאלק, א פריי פאלק, אבער אויך דארט זענען מיר קנעכט פון דער בריטישער מאכט, וואס דיקטירט אונז דאס, וואס איהר געפעלט.

ואילו לא הוציא, ווען מען וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים, וואלטען מיר נאך ביז'ן היינטיגען טאג נעביך געמוזט זיין קנעכט ביי פרעה'ן, אווא, א גרויס אומגליק וואלט אונז געטראפען! כ'ווייס נישט צי עס וואלט נישט בעסער געווען, ווען מיר וואלטען געבליבען ביז'ן היינטיגען טאג אין מצרים. כ'זעה! נישט די גליקען, וואס אונז האט געטראפען מיט דעם וואס מען האט אונז „ארויסגעצויגען" פון מצרים. וואס, וואס, נאר צו עסען האט דארט נישט געפעהלט.

מעשה ברבי

עס איז פארגעקומען אנ'אסיפה אין צוזאמענהאנג מיט די פרעזידיום וואהלען אין דער קהלה און נישט קוקענדיג דערויף, וואס מען איז געזעסען כל אותו הלילה, צו גאנצע נעכט, האט מען נישט געקענט אויסקלויבען קיין פרעזעס, אלע זענען געווען פאר זיי „בני ברק", דעם האט מען נישט בעשטעטיגט, דעם האט מען געפסל'ט, אזוי אז די פרעזידיום וואהלען זענען נאך קודם המעשה, דאס הייסט, אז די מעשה קהלה וואהלען הויבט זיך ערשט אן עד שבאו תלמידיהם, עס דארפען קומען די וועהלער און זאגען צו זייערע דאזארעס און געבען א קלאפ אין טיש, גענוג? רבותינו היגיע זמן, עס איז שוין געקומען די צייט, אז איהר זאלט מאכען א סוף צו אייערע אונזיניגע מחלוקות און קריגערייען, א סוף זאל עס נעמען, די קהלה ווירטשאפט איז רואינירט, אלץ ליגט אין חורבות און איהר שפילט זיך אין אייער פארטיי פאליטיק און אין להכעיס'ן.

זאל די מעשה ברבי „אליעזר" און די אנדערע „רבי'ס" אמאל א ענדע נעמען.

וואס קומט אבער ארויס, צו עס איז

אמר רבי אלעזר

אז רבי אלעזר מיט די חברייא זאגען אנדערש. ער זאגט, הרי אני כבן שבעים שנה, איך בין אזוי קלוג ווי איינער פון זיבעציג יאהר, קודם כל זאג איך יעדען פערדו, און עס וועט דויערן 70 יאהר ביז מען וועט קומען צו א טאלק. כל ימי חייך, אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען, וועל איך טהון דאס, וואס איך טהו...

ארבעה בנים

פיער גרויסע פראקציעס זענען דא אין דער קהלה: ציונים, מזרחים, דעמאקראטען און האנדווערקער. ווען די דאזיגע 4 בנים וואלטען נאר געוואלט, וואלטען זיי דאך געקאנט אדורכקומען צווישען זיך, וואס קומט אבער ארויס, אז זיי פערטיילען זיך שלעכט מיט די טיטולען, יעדער פון זיי האלט זיך פאר דעם איינציגען חכם און נאר דער

פוילישע רעזידענץ בעפרייען פון די יודען אין וועלכע די יודען האָבען שוין געוואוינט אין קאַזשמיעזש דעם גרויסען'ס צייטען, האָט איצט בודעק, א גרויסער צורר-היהודים, געפונען די געלעגענהייט מיט די יודען זיך אָבצורעכענען אויף טויט און לעבען...

* * *

מאַכט זיך גראָד א מעשה, אַז עטליכע טעג פאַר פסח, פאַר דעם שעהנעם חג האביב, אונזער פריהלינגס-יום-טוב, איז א קריסטליך קינד אין קראקא פערלוירען געגאַנגען אָדער מען האט עס ספּעציעל בעהאַלטען, כדי מען זאָל זיך קאנען דאַן וואַרפען אויף די יודען.

האָט בודעק, דער גלח, געפּרעדיגט טאַקי אין אַלע קירכען, אַז די יודען האָבען דאס אומשולדיגע קריסטליכע קינד אומגעבראַכט, צוליעב בלוט אויפ'ן אפּיקומן און געפאָדערט פון דעם המון צו נעהמען נקמה אין אַלע יודען אין קראַקא.

דער אונטערגעהעצטער פאַנאַטישער עולם האָט זיך שטאַרק געגרייט צו דער סדר-נאַכט, ווער מיט א האַק, ווער מיט אַ שפּיז, אָדער מעסער, וואַרטענדיג נאָר אויף דעם ערשטען סיגנאַל, וואס דער גלח זייערער וועט זיי געבען.

די יודען, ווי תמיד, דערשראָקען פאַר דעם צווילדעוועטען המון, אָנגעפיהרט פון גלחים, האָבען זיך צו דער סדר-נאַכט פערמאַכט אין זייערע שטובען, טיר און טויער פערהעמערט, די פענסטער פעררינגעלט און פערשטעלט, נישט וואַגענדיג די נאַז אַרויסצושטעקען אויף דער גאַס, אין יענער ליל שמורים.

און ביי אַזעלכע שווערע אומשטענדען און אַטמאָספערע איז זיי, די דערשראָקענע יודען, אויסגעקומען אָבצוריכטען דעם סדר, פרעגענדיג זיך דעם „מה נשתנה" און קומענדיג צום קאַפּיטעל: „והוא שעמדה לאבותינו ולנו" א. אז. וו.

בעפאַלט א בעוואָפענטע מחנה קריסטען מיט דעם אויבענדערמאנטען גלח בראש דאס יודישע קוואַרטאַל.

טירען און טויערען ווערען אויפגעהאַקט אין די יודישע הייזער און ווי הונגעריגע לייבען און ווילדע טיגערס האָבען זיי זיך גענומען צו דער טייוולאַנישער אַרבייט...

בודעק האָט געזוכט אומעטום אין בעטגעוואַנד דעם אינקרימינירטען אַפּיקומן און טאַקע איהם געפונען אין אַלע יודישע הייזער ליגט ער צווישען די קישענס איינגעוויקעלט אין פאַטשיילעכלעך. זיינע בעגלייטערס ווידער האָבען זיך גענומען, ווי תמיד, ביי אַזעלכע פאַלען, די יודען צו מאָרדען, רויבען און פערניכטען אַלץ, וואס ס'איז זיי נאָר אונטער די הענד געקומען.

אָבגעפערטיגט זיך מיט דער דאָזיגער הענקערישער אַרבייט, האָט מען דאַן אַלע יודישע הייזער אונטערגעצינדען און זיי געלאָזט אַוועק מיט'ן רויך, ווי ס'דערצעהלען דלוגאָש און הוביצקי.

דאס אַלץ איז געשעהן פאַר די אויגען פון יאַגיעלאָ, וועלכער איז געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון די גלחים, און צו דער גאַנצער זאַך גאַנץ גלייכגילטיג צוגעקוקט אנשטאט די מערדער צו בעשטראָפען, האָט מען זיך גענומען די יודען איינגאַנצען פון קראקא אַרויסצוטרייבען, מאַכענדיג די פוילישע רעזידענץ פאַר יודענריין.

דער עפּילאָג דערפון האָט זיך ערשט אָבגעשפּילט אין ביסקופען-געריכט אין קראקא.

ביים גרינעם טיש האָט מען געמשפּט דעם אפּיקומן, וואס זענען געווען בעהאַלטען ביי די יודען אין בעטגעוואַנד און נאָך אַזאַ מורא'דיגער שחיטה, וואס איז אָבגעטהון געוואָרען, האָט דאָך דאס גלחישע געריכט נישט אַנדערש געקאָנט האַנדלען ווי אנערקענען, אַז די יודען זענען שולדיג אין הרג'ענען אומשולדיגע קריסטליכע קינדער צוליב ריטואַל אויף פסח, וואָרום זיי עסען אפּיקומן און דער אפּיקומן איז דאָך געבאַקען מיט קריסטליך בלוט...

פערוועהרענדיג די יודען מהיום והלאה צו וואוינען בכלל אין קראקא, איז געוואָרען בעשטימט די פאַרשטאָדט קאַזשימיעזש אַלס דאס איינציגע אָרט, וואו יודען מעגען זיך בעזעצען און האַנדלען.

און קאַזשימיעזש איז געווען דאס ערשטע אָפּיציעלע יודישע געטאָ אין פוילען.

דער ירושה=זייגער.

אַ חסידישע מעשה לכבוד פסח.

פון יוסף זעלקאָוויטש.

פון אַלטען קאַרצעווער זכרונו לברכה דערצעהלען חסידים אַזאַ מעשה.

אין ריטשיוואָל האָט געוואוינט אַ יוד, אַ גרויסער למדן, אַ בעל - צדקה און אַ גרויסער מכניס-אורח, ער האָט געהייסען ר' משולם האַראַדענקער און דער ר' משולם איז געווען אַ גרויסער חסיד, אַ טיש-זיצער פון קאַרצעווער ז"ל און נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַנ'עושר, האָט מען איהם אין קאַרצעוו געגעבען „אַ טיש", אַלע ווייסען, אַז אין קאַרצעוו האָט מען נישט נושא פנים געווען, נישט דרך-ארץ געהאַט פאַר קיין נגידים, נאָר אַ בעל-מדות, ר'האָט אַפילו געקאָנט זיין אַנ'עני שבעניים האָט ער געהאַט דעם אייגענעם זכות, וואס אַנ'עושר — מן הסתם איז ער דאָך ווערט געווען...

געלד איז דאָך אָבער אַ גלגל החוזר, האָט זיך ביי דעם ר' משולמ'ן דאס רעדעל איבערגעדרעהט לא עלינו און איז געגאַנגען מטה מטה, וואס אַמאָל מעהר און אַ נדבה האָט ער טאַקי ווייטער געגעבען אַ ברייטע—אין דער טאַש אריין האָט דאָך איהם קיינער נישט געקוקט... ר' משולם איז אָבער געווען אַ גרויסער בעל-בטחון און האָט אַפילו נישט מהרהר געווען און אַפילו דעם אַלטען ז"ל קיינמאָל זיך נישט מזכיר געווען מכח פרנסה, נאָר ער האָט איינציגווייז אויספערקויפט די כלים מיט די חפצים פון שטוב אַרויס און געלעבט מיט זיין בני-בית אין גרויסען דוחק.

דאס בני-בית זיינס, אַ געוועהנליכע יודענע, וואס האָט נישט געוואוסט פון קיין קונצען, האָט איהם אַנגעהויבען שטאַרק מצער צו זיין: פאַרוואָס פאָהרסטו דען נישט צו דיין רבי'ן?—האָט זי מיט איהם גע'טענה'ט—וואס איז, נישקשה—ער האָט דיך, שעהנע רענדלעך געקאָסט!... מילא, צוליעב שלום-בית איז ר' משולם טאַקי אַריבערגעפאָהרען קיין קאַרצעוו און האָט ביים אַלטען ז"ל שטאַרק מפציר געווען, ער האָט אָבער קיינמאָל קיין קלאָרע תשובה נישט בעקומען.

און אין דערהיים איז דערווייל געווען באו מים עד נפש; ס'איז שוין נישט געבליבען אַפילו וואָס צו פערקויפען פון שטוב אַרויס. האָט זיך ר' משולם אַנגעטהון אַ כח און האָט געזאָגט: „רבי, כ'וועל נישט פריהער אַוועקגעהן פון אייך. ביז איהר וועט מיר נישט מבטיח זיין מזונות! אַזוי לאַנג, ווי כ'האָב נאָך געהאַט וואס צו פערקויפען, האָב איך געשוויגען, צו פערקויפען איז שוין נישטאָ וואָס און דאָ קומט אַזאַ הייליגער יום-טוב, ווי פסח... — איהר מוזט מיר, רבי, מבטיח זיין מזונות... און אַז דער אַלטער ז"ל האָט איהם געפּרובט מדחה זיין, ווי תמיד, האָט ר' משולם זיך אַקעגענגעשטעלט: — אדרבה, רבי, זאָגט מיר, פאַרוואָס קומט מיר נישט קיין מזונות? צי בין איך חס-ושלום נישט דעם רבונו של עולמ'ס אַנ'עבד? צי האָב איך חס-ושלום קיין צדקה נישט געגעבען כפי יכולתי?

— ווילסטו, הייסט עס, משולם, האָבען אַ דין-תורה מיט'ן רבונו של עולם? —האָט דער אַלטער איהם געפרעגט.

— זאָל זיין אַ דין-תורה, רבי, וואס איז, מיינע טענות זענען אפשר נישט קיין גערעכטע?!...

— ס'קאָן גאַנץ מעגליך זיין, משולם אַז דיינע טענות זענען גערעכטע, ביי אַ דין-תורה אָבער מוז מען אויסהערען ביידע צדדים, וועסטו שוין, משולם, מוזען צוואַרטען מיט דיין דין-תורה. ביז נאָך פסח, אם ירצה השם; דו ווייסט דאָך, אַז שלשים יום קודם החג, איז מען אין הימעל שטאַרק פערנומען.

— און דערווייל, דערווייל, רבי, אויף מצה פון וואַנען זאָל איך נעהמען?

— האָסט דען באמת שוין גאָרנישט צו פערקויפען, קיין מלבושים אויך נישט?...

— ס'איז אונז נישט מעהר געבליבען ווי די זיידענע מלבושים צום דאַווענען צו געהן...

— מיינסט דען באמת, משולם, אַז דער רבונו של עולם דאַרף האָבען תפלות, איינגעוויקעלטע אין זייד?

— אָבער כבוד הבריות, רבי!—גדול כבוד הבריות...

— און קיין חפצים האָסטו גאָרנישט? דערמאָן זיך נאָר גוט, משולם!...

— פון חפצים איז אונז מעהר נישט געבליבען, ווי אַ טיש, אַ בענקעל ווייטער גאָרנישט... יאָ, אַנ'אַלטער זייגער, עפעס איז געבליבען אַ ירושה... אַ שברי כלי געהט צומאָל נישט, הענגט א פערשטויבטער אויף דער וואַנד... עס וועט איהם קיינער אַפילו נישט וועלען אָנקוקען...

— ניין, משולם, דעם זייגער טאָרסטו נישט פערקויפען. חס-ושלום. אַ זייגער איז אַ ציהרונג אין שטוב, מכל-שכן נאָך אַ ירושה-זייגער, טהוסט אבער נישט גלייך, משולם, וואס דו לאָזט איהם אַ פערשטויבטען... אַ זייגער איז אַ יודישע זאַך, ווייזט, ווען שבת צו מאַכען און ווען יום-טוב צו מאַכען... נו, פאָהר מיר לחיים ולשלום און האָב מיר אַ פרעהליכען און א כשר'ן יום-טוב און אי"ה נאָך יום-טוב, קום, וועלען מיר זעהען — — — —

אין קאַרצעוו, ווייסט מען, איז דער גאַנצער ענין עבודה געשטאַנען נאָר אויף שמחה, אַ דאַווענען, אַ סעודת-מצוה איז אַוועקגעגאַנגען בזמירות וברקודים... און אַז חסידים האָבען געזעהען ווי דער קאַרצעווער ז"ל האָט ממש מיט מסירת-הנפש, ביי בדיקת-חמץ גענומען אַ בענקיל, צוגעשלעפט צום זייגער און מלא קומתו זיך געשטעלט אויף די נעגעל און אריינגעשטעלט דאס ליכט און געקוקט אַהין און אַהער און נאָכאַמאָל אויפגעמאַכט דעם זייגער און נאָכאַמאָל געזוכט אַזוי

צווייטער איז דער רשע.

אנ'אַנדער נוסח זאָגט ווידער: יעדער האַלט זיך פאַר'ן תם, אַז זיין פּראַקציע איז גאָט די נשמה שולדיג, זיי ווילען גאָרנישט, נאָר די אַנדערע פּראַקציעס זענען די חכמים און די רשעים...

בכל דור ודור

אַזאַ מזל האָבען מיר שוין, אַז אין יעדען יאָהר-הונדערט שטעהן אויף אַנדערע שונאים, וואס ווילען אונז פערטיליגען.

וואָס דאַרפט איהר מעהר, אין צוואַנציגסטען יאָהר-הונדערט, אין דער צייט פון צעפּעלינען און ראַדיאָ'ס, שטעהט אויף היטלער און וויל זיך נעמען צום ביסעל יודען, אָבער זאָרגט נישט ברידער, אַזוי ווי מיר האָבען אַלע אדורכגעלעבט וועלען מיר אויך איהם איבערלעבען, ער וועט האָבען זיין שוואַרצען סוף.

צא ולמד

בעטראַכט זיך, אַז דו דאַרפסט עפּיס לערנען, דו דאַרפסט וויסען, אַז דו ביזט ארומגערינגעלט מיט שונאים' וואס זוכט שטענדיג תחבולות ווי אַזוי דיך אומצובריינגען.

צא ולמד, לערן דיך אויס פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האַלטען פון דעם פסוק „סוואַי דאַ סוועגאַ". און ביי דיר יוד איז פונקט פערקעהרט, דו ווילסט נישט בעשעפטיגען קיין יודישע אַרבייטער, טוישסטו זיי אויס אויף נישט-יודען.

צא ולמד, איך וואָלט אייך געקאָנט דערצעהלען אסך מעשות, ווי אַזוי די נישט-יודישע אַרבייטער האָבען געלערנט בלק מיט זייערע יודישע פאַבריקאַנטען, אָבער צו וואָס דאַרף איך אייך דערצעהלען, או זיי האָבען עס שוין אייך דערצעהלט...

עשר מכות

דאָס איז געווען אַמאָל, היינט האָבען מיר מכות, וואס מען קען זיי גאָרנישט אויסצעהלען און נישט אויסרעכנען...

כמה מעלות טובות

זאָגט מיר אדרבה, וואס פאַר אַ טובות מיר האָבען שוין געהאַט פון געוויסע אונזערע בעלי טובות. ווען זיי וואָלטען אונז צורוה געלאָזט און נישט אַזוי פיעל פערזאָרגט וואָלט געווען דיינו, וואָלטען זיי זיך פערלאָזט אויף די אָפּיציעלע אַמטען, וויפיעל זיי לייגען אויף אונז אַרויף שטייערן, דיינו, וואָלטען מיר צופרידען געווען. וואס קומט אָבער אַרויס, אַז לאַ די וואס זיי פערטיידיגען אונז נישט ווילען זיי נאָך אונז צולייגען, מוזען מיר טאַקי זאָגען דיינו, מיר האָבען זיי גענוג, מיר זענען זיי מוחל זייערע טובות לכפר על כל עונותינו, אַז זיי זאָלען זיין אָבלייזער פאַר אונזערע זינד, און מיר זאָלען נישט מעהר וויסען פון זיי ווי אויך פון אונזערע צרות.

מצה זו

קוק אויף די מצה, בעטראַכט דאס דאָזיגע ברויט מיט וויפיעל מיה און שווייס דאס איז דיר אָנגעקומען און אין וויפיעל הייזער איז דאס דאָזיגע שטיקעל מצה א לוקסוס.

שטעלט אייך פאָר, וואס די יודען שטעהן אויס פון דעם. וואס אונזערע עלטערן האָבען אַמאָל זיך געאיילט. אַה ווען זיי בערעכנען זיך אַביסעל פריהער און נעמען מיט אַנגעבאַקען ברויט ווי וואויל וואָלט אונז היינט געווען.

דאס איז אָבער אונזער גורל, מיר האַלטען אין איין וואַנדערען און מיר האָבען קיינמאָל נישט די מעגליכקייט זיך אָנצוגרייטען אַביסעל שפּייז פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער.

מרור זה.

דער דאָזיגער מרור איז אַזוי אַלט ווי דאס יודישע גלות און וואס אַ יאָהר ווערט אַלץ וויניגער די מצה, פלייש און אַנדערע מאכלים און דוקא דער מרור ווערט וואס אַמאָל אַלץ מעהר און מעהר.

עס איז שוין מיאוס פאַר'ן מרור, כאָטש מען פיהלט נישט קיין ביטערקייט. ווי זאָגט מען דאס: אַז מען געוואוינט זיך צו די צרות, לעבט מען מיט זיי אין פריידען...

דעם מרור עסען מיר דערפאַר, ווייל מיר האָבען געאַרבייט שווער און ביטער ביי פרעה'ן, היינטיגע צייטען וואָלטען מיר, דאַכט זיך, גערן נאָך שווערער געאַרבייט, אַז מען זאָל נאָר האָבען דעם סיר הבשר...

לפיכך

דערפאַר ברודערקע, לויב און דאַנק דעם איבערשטען, אַז דו האָסט כח אויסצוהאַלטען פון די צרות און מען לעבט ווייטער.

בעט אויף יאָהרען, קיין צרות וועט חס ושלום נישט אויספעהלען.

שלחן עורך

איצט, ברודערקע, אַז דו ביזט אַדורך די אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען, נעם דיך צו דער אכילה און פערצייכען צי אויף דיין טיש געפונט זיך פון „תוצרת הארץ", טאָמער נישט איז עס אַ סימן, אַז דו ביזט אַ נאַציאָנאַלער יוד און דו שטרעבסט מיט אַלע כחות, אַז מיר זאָלען אונטערשטיצען אונזער לאַנד, ווי אויך מיטהעלפען צו גאולת הארץ.

שפוך חמתך.

זאָג וואס דיר טהוט וועה, האָב נישט קיין מורא, דו ביזט דאָך נישט קיין צייטונגס - שרייבער, אַז מען זאָל קעגען דיר אָננעמען פּראָטעסטען, גיב זיי די חברה, וואס האַלטען אין איין שרייען, אַז נאָר דיך האָבען זיי אין זינען, אַז זיי מיינען נאָר דיין טובה, גיס אויס דיין האַרץ און זאָג זיי דעם אמת אין פּנים אַריין און דאַמאַלס וועסטו באמת קענען זאָגען

הלל

צוזינג דיך אויף דער העכסטער אָקטאַווע, זאָלען די שונאים אַ קרענק וויסען וואס דיר טהוט וועה, קנייפ די באַק, אַז די פּאַרב זאָל שטעהן, האָב נישט מורא צו זאָגען, מען וועט דיר סיי ווי נישט באָרגען, טאָ פייף אויף דער וועלט, זינג אַז עס זאָל געהן אַ רויך, דאס קאָסט נישט קיין געלד, טאַנץ אַ הוירא, וועט זיך דיר אויסדאַכטען, אַז דו ביזט אין ארץ-ישראל, וואס אָרט עס דיך, דו וועסט דערפון קיין אַבראַטאַווע נישט בעצאָהלען.

זינג און שריי אויס

לשנה הבאה בירושלים.

טרייסט דיך, כ'גלויב דיר, אַז דו וואָלסט גערן געוואָלט פאָהרען אַהיים, האָסטו אָבער קיין געלד נישט. דערפאַר אָבער די, וואס האָבען יאָ די מעגליכקייט, ווילען מיט דעם „לשנה הבאה" פערשרייען זייער געוויסען. ווען מען פרעגט זיי פאַרוואָס פאָהרט איהר נישט העלפען בויען דאס לאַנד, זאָגען זיי לשנה הבאה, אין אַ יאָהר אַרום. אַזוי גענאַרען זיי אונז, ווי אויך זיך זעלבסט.

אחד מי יודע.

ווער ווייסט, צי עס איז נאָך פּערהאַן איין סוחר וואס האָט נישט געמאַכט פּליטה, אויסער טאַקי נאָר אחד, איין גאָט אין הימעל, וואס באַנקראָטירט נישט, אויף דער ערד. דאַכט זיך איז שוין קיין איינער אויך נישטאָ.

ש נ י ם מ י י ו ד ע. די „אגודה" האָט נור בעקומען איין מאַנדאַט אין ראַט און פונדעסטוועגען איז אין דער פערוואַלטונג אריין שנים.

ש ל ו ש ה מ י י ו ד ע. ווער האָט זיך גערעכענט, אַז די „דעמאָקראַטען" וועלען אַריינפיהרען 3 פּרנסים אין דער קהלה, מען האָט זיך גיכער גערעכענט שונאי ציון אַ מפּלה.

א ר ב ע מ י י ו ד ע. די ציוניסטען האָבען אַ דאַנק זייער פערבינדונג מיט דער „מזרחי" בעקומען 4 מאַנדאַטען און פונדעסטוועגען האָבען זיי נישט קיין פּרעזעס - בענקעל, אויסער יעצט, אַז זיי וועלען זיך וועגען דעם בעמיהען.

ח מ ש ה מ י י ו ד ע. וועלכעס פאָלק אויף דער וועלט האַנדעלט נישט מעהר ווי 5 טאָג אין דער וואָך אינדערצייט, ווען אַרבייטען דאַרף מען פּאַקטיש 6 טעג אין דער וואָך און עס איז אַ גרויסע פּראַגע —

ש ש ה מ י י ו ד ע. צי פון די אַלע צוזאַגעכצען, אַז מען וועט מעגען האַנדלען זונטאָג וועט עפּיס ווערען, אַזוי אַז עס זאָל זיין 6 אנשטאט 5.

ש ב ע ה מ י י ו ד ע, ש מ ו נ ה מ י י ו ד ע וכ"ו, אָבער צו וואס פרעגען, ווער עס ווייסט? צרשטענס, ווייסט קיינער נישט און אַז מען ווייסט שוין יאָ עפּיס, איז אויך אַזוי ווי גאָרנישט.

אָט האָט מען זיך גערעכט, אַז מען ווייסט שוין, אַז די עלעקטראָווניע האָט נאָכגעגעבען די פאָדערונג פון די אָבאָנענטען און דערווייל האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

מי יודע? און אַז דו ווייסט שוין יאָ ווער עס גראָבט אונטער דיר. קאָנסטו איהם עפּעס טהון? יענער איז כלומרשט אַ פּאַטריאָט.

דעריבער איז גלייכער, אַז דו וועסט וויניגער פרעגען און זאָג בעסער

חד=גדיא

כ'זעה, אַז דו פערשטעהסט נישט דעם טייטש דערפון, וועל איך דיר זאָגען, דאס איז אַ רמז אויף אונזער צייט, ווי איינער וועט דעם צווייטען אויפעסען, ואתא שונרא ואכלה לגדיא, ואתא כלבא ונשך לשונרא וכו', איינער דעם צווייטען בייסט.

אָט האָט מען מיר היינט, למשל, דערצעהלט, אַז סוחרים פון איין בראַנזשע האָבען איינער דעם צווייטען געביסען אין סקאָרב, געמסר'ט, אַז מען זאָל יענעם מאַכען אַ העכערען שטייער, האָט יענער סוחר געוואויר געוואָרען, איז ער געלאָפען און האָט יענעם צוריק אַ ביס געטהון, האָט דער דריטער געוואויר געוואָרען, איז ער ווידער געגאַנגען און געטהון דעם צווייטען אַ ביס. אַזוי עסט אויף איינער דעם צווייטען ביז אַלע וועלען זיין אָבגעשחט'ען לעולם ועד.

איצט אָבער לאַך זיך אויס פון זיי אַלע, זאָג זיי דעם צווייטען פּסוק פון

שיר השירים.

פּערגעס אין אַלע צרות און אומגליקען, זאָל זיך דיר חלומ'ען גוטע חלומות, דאס איינציגע פּערגעניגען וואָס מען קען האָבען.

חלום וועגען דער פּאָעזיע פון לעבען, וואָרום אויף דער וואָהר קענסטו עס נישט האָבען.

שלאָף געשמאַק דו יודעל, דאס קינד פון אייביג-געפּלאָגטען פאָלק רוהע אויס דיינע ביינער, כדי דו זאָלסט האָבען כח איבערצוהאַלטען די צרות פון אַ גאַנץ יאָהר.

שמיני נוטרה את הכרמים.

זאָל מען די זכיה האָבען צו היטען אונזערע אייגענע ווייגגאַרטנער און ווערען בעפרייט פון גלות און אַלע צרות, שלעק און פּרעניות, ווי ס'ווינשט אייך אייער

לויתן.

אנ'ערך פון א האלבע שעה... האט עס קיינעם נישט געוואונדערט — א זריזות ותורה... אסור חמץ במשהו... נאר אז דער קארצעווער, האט זיך פלוצלונג שטארק צולאכט און אנגעהויבען גאנץ שטארק צו טאנצען, איז דער עולם נבהל ונשתומם געווארען, פארשטאנען —ס'איז נישט פשוט, צו פרעגען אבער האט מען מורא געהאט... ווייל דער אלטער ז"ל איז געווען א שטארקער מקפיד, אז מ'האט איהם געפרעגט, אויב מען האט געדארפט וויסען, האט ער אליין געזאגט — — —

ר' משולם איז אהיימגעקומען מיט א צובראכענעם הארץ אהן „א מבוא" אפילו פון וואנען צו נעמען אויף יום-טוב. אין שטוב איז געווען א יללה, ערגער ווי אין תשעה-באב און אז ער האט זיך גענומען מכין זיין צו בדיקת חמץ, האט זיין בני-בית אויס איהם געלאכט: „וואס, אז קיין חמץ איז שוין נישט געווען אין שטוב פון פורים אן". און אז ר' משולם האט געמאכט די ברכה, האט דאס הארץ איהם שטארק געקלאפט: „ס'זאל כאטש נישט זיין קיין ברכה לבטלה..." און אז די שטוב איז ליידיג—ליידיגע פיער ווענד און ס'איז נישט פערהאנען אין ערגיץ קיין ווינקלען, קיין בעהעלטענישען... האט ער גענומען, דאס איינציגע הילצערנע בענקיל, וואס איז איהם פערבליבען, האט עס צוגערוקט צום זייגער און גענומען זוכען אינעווייניג, כאטש ער האט גאנץ געוואוסט, אז דארט וועט קיין חמץ נישט ליגען... האט ער אויפגעמאכט און אנגעהויבען מיט דער פעדער אויסקעהרען דעם שטויב פון אינעווייניג... און פלוצלינג האט זיך די פעדער פערהאלטען אין עפיס א הארטע זאך — נישט אהין, נישט אהער. האט ר' משולם זיך אויף די נעגעל געשטעלט און אריינגעקוקט מיט'ן ליכט; וואס קען עס דא ליגען אין זייגער? האט ער ארויסגעשלעפט עפיס א פערשטויבטע שמאטע... געמיינט האט ער אין תחילת אז ס'איז א גע'פגר'טער שרץ; האט ער געגעבען א ווארף אין דער ערד, האט פלוצלונג איבער דער שטוב זיך אנגעהויבען צו שיטען גאלדענע רענדלעך און תכשיטין... ר' משולם איז געבליבען שטארק דערשראקען, געמיינט אז ס'איז עפיס א כשוף רחמנא לצלן...

ער האט זיך אבער דערמאנט, אז דער רבי האט עפיס צופיל גערעדט אודות דעם זייגער... האט ער פערשטאנען, אז דאס האט דער רבונו של עולם צוגעזעהען זיין צער. ר' משולם האט פון גרויס שמחה ארומגעכאפט זיין בני בית און אנגעהויבען מיט איהר צו טאנצען — — — — —

און אז ער איז אסרו-חג אריבערגעקומען קיין קארצעוו, איז איהם דער אלטער ז"ל, אקעגענגעגאנגען, מיט זיין שיינענדיגען פנים, כדרכו און איהם געפרעגט:

נו, משולם, ווילסט טאקי האלטען א דין-תורה ?..

דר. דוד קאגאן.

וועגען ראסען-מישונג.

פונ'ם ציקל: עאוגעניק.

נישט איינער פון אייך האט געוויס געהערט, אז דאס יודישע פאלק ווערט אלס מעהר כלומרשט-דעגענערירט. הגם אזאלכע מיינונגען ווערט ארויסגעזאגט דורך „קענער", וואס האבען קיין אהנונג נישט אין ביאלאגיע און זענען דעריבער אין די פראגען פשוט'ע עם-הארצים.

ס'קען זיין, אז די דאזיגע „קענער" זענען אויסען דערמיט אבצושרעקען דעם עולם און פראפאגירען צ. ב. ספארט און היגיענע, וואס איז לויט זייער מיינונג, גענוג אויף צו גאראנטירען דעם געזונד - צושטאנד פון די קומענדיגע דורות.

אויף דעם פערדיל פון אונזער כלומרשט'ער דעגענעראציע פאהרען אויך ארויס כל'ערליי מיסיאנערען, וועלכע ס'געהט צו פאנגען א פאר יודישע נשמות.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו לעזען א בראשור, ארויסגעגעבען דורך א בעוואוסטען מיסיאנער, וואו ער, פערשטעלט זיך אלס „אונזער גוטער פריינד" ראט אונז פערנעהמען זיך מיט דער געפאהר, וואס דראהט אונזער פאלק ד. ה. מיט דער דעגענעראציע און אונטערגאנג. אלס אנ'אויסוועג זעהט ער דאס אבפרישען פון אונזער בלוט דורך פערמישען זיך מיט אנדערע קריסטליכע (פארוואס דוקא קריסטליכע?) פעלקער.

ער שרייבט דארט ווייטער, אז מיר קענען זיך גארנישט פארשטעלען וואס פאר א נייע ווערטיגע מיש-ראסע קען ענטשטעהן, ווען מיר זאלען אויף דעם פלאן איינגעהן. ס'פערשטעהט זיך, אז בכדי צו געוואונען די מעגליכקייט און דעם זכות אויסצומישען זיך, דארף מען צוערשט זיך אבשמד'ן.

מיר וויסען, אז די צאהל פון געמישטע חתונות ביי יודען איז אין אנדערע לענדער פערהעלטניסמעסיג גרויס. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז קיינעם אינטערעסירט נישט אין דעם פאל די בלוט-אבפרישונג. דאביי שפילען א ראלע אנדערע פאקטארען.

אויב דער פראלעטאריער ערקלערט, אז ביי איהם שפילט דער רעליגיעזער מאמענט קיין שום ראל און ער מאכט קיין אונטערשיד נישט צו וועלכען פאלק אדער נאציע זיין פארטנער געהער, והא ראיה, אז ער ענדערט נישט זיין אמונה, קען אבער דאס זעלבע נישט געזאגט ווערען וועגען די העכערע שיכטען, וואס ווילען דעם ענין צוגעבען א מאדערן עאוגענישן מאטיוו: זיי פערמישען זיך אין זין האבענדיג כלומרשט דעם געזונד - צושטאנד פונ'ם קומענדיגען דור און אויך דאס אויפהאלטען פון אונטערגאנג זייער אריסטאקראטישע פאמיליע.

דער אויסרייד און דער שטאנדפונקט זענען פאלשע. מען קען דאך נישט רעדען וועגען א בלוט-אבפרישונג, ווען צ. ב. א געזונדע אינטעליגענטע יודישע פרוי האט חתונה מיט איינעם פון א צווייטער ראסע, וועלכער איז, אגב, הויך ענטוויקעלט, נאר בעזיצט אבער אבגעירשנ'טע פיזישע פעהלערן און שטאמט פון א פאמיליע, וואו ס'זענען פערהאן אלקאהאליקער און נור דערפאר, וואס ער געהערט צו אנ'אנדערער ראסע שפילט ער כלומרשט די ראל פון א בלוט-אבפרישער. דאס אלץ בעווייזט אז דער עולם אריענטירט זיך אין די פראגען זעהר וועניג.

איבער דער ראסען-מישונגס-פראגע האט מען אדורכגעפיהרט פיעל פארשונגען און בעזונדערס אין איניגע אפריקאנער קאלאניעס, וואו די ווייסע איינוואוינער—די בורען האבען זיך פערמישט מיט שווארצע האטענטאט-פרויען. מ'האט געקאנט מיינען, אז דורך אזא מישונג וועט ענטשטעהן אויסשליסליך א ראסע, וואס שטעהט אין מיטען צווישען די ביידע שטאם-ראסען, ד. ה. פערמאגען די אייגענשאפטען פון ביידע ראסען. ארויסגעוויזען האט זיך, אז עס זענען טאקי ענטשטאנען איינציגע אינדיווידואומ'ס, אין וועלכע מ'האט טאקי געקענט דערקענען די מישונג, אבער גלייכצייטיג זענען ענטשטאנען אנדערע עקסטרעמע אינדיווידואומס, וועלכע זענען עהנליך בעזיצען אדער אויסשליסליך די אייגענשאפט פון דער אדער יענער שטאם-ראסע.

אט די דאזיגע עקסטרעמע טיפען זענען אין דער צאהל גרעסער פון די געמישטע.

ווי מיר זעהן אלזא, ענטשטעהט נישט ביי דער מישונג קיין נייע ראסע, מ'קען עס אפילו אנרופען: ריינע מיש-ראסע נאר בלויז אנ'אויסערארדענטליכער און פערשידענארטיגער געמיש פון ראסען-אייגענשאפטען.

פון דעם דרינגט אויך ארויס, אז דער געמישטער טיפ איז נישט בעסער און נישט ערגער פון די שטאם-ראסען, פון וועלכע ער שטאמט ארויס, נור ער בעזיצט אלע זייערע מעלות און חסרונות.

אויף אזא אופן איז די ראסע-מישונג א שלעכט געשעפט פאר די פעהיגערע, פאר די מינדערווערטיגע—א געווין.

אזוי דארף מען פערשטעהן די אזויגערופענע בלוט-אויפפרישונג.

טעארעטיש קומט אויס, אז אלע מעלות פון צוויי ראסען קענען פעראייניגט ווערען, אבער פונקט אזוי קענען אלע חסרונות פעראייניגט ווערען. ביי דער פיה און פלאנצען-צוכט קען דאס קיין שאדען נישט ברענגען, ווייל מען שליסט איינפאך אויס פון דעם פערמעהרונגס-פראצעס מישונגען, וואס בעזיצען נאר די חסרונות פון ביידע שטאם-ראסען. ביי מענשען אבער איז אזא פראצעס נישט מעגליך. דא פערגרעסערט זיך דורך דער ראסען-מישונג די פערשידענארטיגקייט פון די קומענדע דורות אלץ מעהר און מעהר אהן דעם, אז די דורכשניטליכע מעלות זאלען זיך פערמעהרען.

אזא איבערמעסיגע פערשידענארטיגקייט פון אינדיווידואומס פון איין מענשען-גרופע, וואס איז נויטיג פאר'ן צוזאמענלעבען איז פונ'ם געזעלשאפטליכען און ביאלאגישען שטאנדפונקט נישט געוואונשען. דאס אלץ איז אויך נוגע יעדער מישונג פון א. ג. ציוויליזירטע ראסען.

ווען מיר זאלען זיך צוקוקען צום דור, וואס ענטשטעהט פון דער מישונג פון יודען מיט נישט-יודען, אפילו דא אין לאנד גופא קען מען גלייך בעמערקען, אז וועגען אונזער געניאלער ראסע איז נישטא וואס צו ריידען.

די ראסען-אייגענשאפטען זענען פערשידענארטיג פערבינדען און נישט זעלטען אויף א קאריקאטורעלען אופן. מען זאגט טאקי אפט אויף אזא געמישטען: „ער האט א יודישען קאפ, אבער אזא הארץ, וואס איהר וועט נישט געפונען נישט ביים יוד און נישט ביים גוי".

דאס יודישע פאלק איז טאקי אבגעשוואכט, אבער פון דעגענעראציע איז נאך ווייט צו רעדען, גלייך ווי אויף אנדערע פעלקער האט די ציוויליזאציע מיט אלע איהרע שעדליכקייטען געלענט איהר שטעמפעל אויך אויף אונזער פאלק, אבער פון דעם דרינגט גארנישט ארויס, אז בכדי אויפצוהויבען דעם געזונד-צושטאנד פון דער ראסע דארף מען זוכען פריש בלוט ביי אנדערע פעלקער. ווי איך האב אויבען אויפגעקלערט ברענגט נישט אזא מישונג קיין פאזיטיווע רעזולטאטען און ביי דער מישונג מיט פעלקער, וואס שטעהן קולטורעל נידריגער, אפילו געפעהרליך.

מיר דארפען גאנץ בעשטימט איינפיהרען אין אונזער לעבען די פרינציפען פון עאוגעניק (ראסען-היגיענע) וועגען וועלכע איך האב גערעדט אין מיינע פויריגע ארטיקלען. דער מאטעריאל פון דער אזוי-גערופענער בלוט - אויפפרישונג געפונט זיך אין אונזער פאלק גופא.

מרדכי קויפמאן.

די ענטוויקלונג פון יודישען טעאטער.

— 1. —

וועגען דער יודישער געשיכטע פון יודישען טעאטער אין אלע זיינע עטאפען, האבען שוין ברייט און אלזייטיג געשריבען: ב. גארין, ד"ר שיפער, זלמן זילבערצווייג, א. אנד. אין דעם פאל געהט עס אין דעם, ווי אזוי די דריי עלעמענטען פון טעאטער: מחבר, שוישפילער און פובליקום, האבען דורך דעם לאנגען, דערנערפולען וועג, וואס דאס יודישע טעאטער האט אדורכגעמאכט ביז-איצט — געווירקט און ערציגען די מאסען, וואס עס איז תמיד געווען און איז א אויפגאבע פונ'ם טעאטער בכלל.

טעאטער אלס ע ר צ י ה ו נ ג ס - פ א ק ט א ר. צי האט עס בעוויזען במשך דער צייט צו ערציהען די מאסען און אויפהויבען זיי צו דער מדרגה, אז זי זאל פערשטעהן דעם מהות און ציעל פון טעאטער — אדער עס איז ווייטער געבליבען ביי דעם עטאפ פון אראבנידריגען צו „משה'ן" (אויפ'ן טעאטער-לשון הייסט „משה"—המון) און לאזען זיך דיקטירען פון דער „גאליארקע". בעסער נעזאגט: ווייטער שפייזען דעם עולם מיט אזעלכע שמאנצעס און בורלעסקעס ווי דאן, ווען דאס יודישע טעאטער איז נאך געווען אין די וויקעלעך ?

איינס האט זיך געענדערט פון דאמאלס ביז היינט: אויב דאס דאמאלסדיגע טעאטער פון די „גאליארקע"-מענשען, וועלכעס האט זיך רעקרוטירט אויסשליסליך פון דער מאסע, האט זיך געקוויקט פון די „ני בע ני מע ני קוקוריקו"-פארשטעלונגען (פון גאלדפאדען'ס ערשטע פיעסע) — איז דאס היינטיגע טעאטער, וועלכעס איז בעזעצט פון די ערשטע רייהען דורך באלעבאטישע, האלב-אסימילירטע און אזוי גערופענע אינטעליגענטען, האבען זיי היינט פונקט אזא הנאה און קוויקען זיך מיט די זעלבע באנאלע וויצען און אינהאלטסלאזע פיעסען, וואס איין סצענע האט אזא צוזאמענהאנג און קלעבט זיך אזוי ווי אנ'ארבעס צו דער וואנד.

קינסטלער, שוישפילער, מחברים זענען דורך דער צייט אויסגעוואקסען און ענטוויקעלט זייער טאלאנט; די טעכניק פון דער ביהנע, אויסשטאטונג, דעקאראטיווע זייט האט זיך פערפולקאמט—אבער „משה" אין אנ'אנדער געשטאלט און אנדערש געשלייערט איז געבליבען דערזעלבער.

וועמענס שולד איז עס? ווער וועמען דארף ערציהען?

וועגען דעם טאקי איז דא די רייד.

* * *

יודיש טעאטער, אדער: טעאטער אויף יודיש? א פראגע, וואס איז זיינער צייט ברייט דיסקוטירט געווארען און לאזט זיך נאך פיעל רעדען וועגען דעם. יודיש טעאטער איז א ברייטערער בעגריף. יודיש טעאטער הייסט: יודישער אינהאלט, יודישער גייסט, יודישע רעאליטעט, וואס קאן אין דערזעלבער צייט געשפילט ווערען אין וואסערע שפראך ס'זאל נישט זיין.

טעאטער אויף יודיש: אייראפעאישער, אלגעמיינער און יודישער רעפערטואר, איבערזעצונגען, פרעמדע טעמעס — אויפגעפיהרט אין דער יודישער שפראך.

לויט גארינ'ס „געשיכטע פון יודישען טעאטער" קומט אויס, אז יודיש טעאטער איז נאך פערהאנען געווען אין ירושלים אין דער צייט פון די לעצטע עטליכע הונדערט יאהר פאר'ן חורבן בית-שני. שוין דאמאלס, ווען די יודישע אריסטאקראטיע איז געווען שטארק העלעניזירט, האט דער יודישער מלך אגריפא דער גרויסער, געלאזט בויען אין ירושלים און אנדערע שטעדט טעאטערן, וואו עס זענען אויפגעפיהרט געווארען פערשיעדענע זאכען און אלימפישע שפילען. די פרומע יודען האבען אויף דעם געקוקט מיט שרעק און צארן, פאר זיי איז דאס געווען א עבודה-זרה; דאס פאלק האט געווייכט פונ'ם דאזיגען קונסטטעמפעל און די תנאים האבען געווארענט און געקעמפט געגען טעאטער, וואס איז פאר זיי געווען א „מושב לצים".

אין פיעל ערטער פונ'ם תלמוד געפונען מיר ווארנונגען אין פערשידענע פארמען וועגען דעם. דאס זעהען מיר אויך אין א פלוגתא צווישען רבי מאיר און די חכמים, וועגען דער בעדייטונג און כאראקטער פון די טרטיות און קרקסיות. די מיינונגען זענען פערשידענע, אבער די גרעסטע מעהרהייט תנאים האט זיך שטרענג ארויסגעזאגט געגען דעם דאזיגען מין טעאטער און אמפיטעאטער נישט בלויז צוליב א חשש פון עבודה זרה, נאר אויך צוליב פערשידענע אנדערע טעמים.

פון די ווארנונגען קען מען דרינגען, אז דאס טעאטער, וואס איז געווארען איבערפלאנצט פון די גריכען און רוימער אין ירושלים, איז נישט געווען נאהנט דעם יודישען גייסט. עס איז געווען לגמרי פרעמד דער יודישער נשמה, דער יודישער קולטור פון פאלק, וואס איז דאן געווען א בולט'ע סתירה צו דער רוימישער וועלט - אויפפאסונג. די לאזונג פון די רוימער איז געווען: „ברויט און פערוויילונג" — און דער יוד האט געזוכט נאר עולם הבא; הער רוימער האט געוואלט לעבען א גוטען טאג — און דער יוד, זייענדיג פעריאכט פון די רוימער פאר און נאכ'ן חורבן, האט זיך אבגעזאגט פון די תעניגים עולם הזה.

אזוי איז מיט'ן חורבן ירושלים אונטערגעגאנגען דאס יודישע טעאטער, וואס א'ז אויסגעהאלטען געווארען פון די יודישע מלכים מיט העלעניסטישע נייגונגען. און אויב אין דער צייט ווען די יודען זענען געווען אויף דער אייגענער ערד, זענען זיי נישט געווען מסוגל אויפצונעמען דאס פרעמדע געוויקס, האבען זיי עס שפעטער פשוט געהאסט. ביי יעדען יוד האט נאך געלעבט די ערינערונג פון די שווארצע, טרויריגע טעג פון חורבן ירושלים, ווען די רוימער האבען געצווינגען די יודישע העלדען אויפצוטרעטען אין צירק אלס גלאדיאטארען און זיך אויסצושעכטען איינער דעם צווייטען. א-חוץ דעם איז אין די ערשטע הונדערדערטער יאהרען נאכ'ן חורבן, דאס רוימישע טעאטער, וועלכעס זיי האבען גע'ירשנ'ט פון די גריכען און איבערגענומען די העלענישע קולטור — פערוואנדעלט געווארען אין א פלאץ, וואו עס איז אבגעחוזק'ט, אויסגעלאכט און אבגעשפאט געווארען דער ביטערער גורל פון דעם יודישען פאלק. עס זענען געוויזען געווארען אויף דער סצענע „יודישע" טיפען, וואס האבען זיי פארגעשטעלט אלס העסליכע קאריקאטורען. דאס איז גענוג געווען, אז ביי די יודען זאל פלאקערען א שנאה צום דאזיגען טעאטער.

מיט הונדערטער יאהרען שפעטער איז ענטשטאנען, שוין אלס קינד פון גלות, דאס אזוי - גערופענע פורים-שפיל, וואס איז געבוירען געווארען אין בית המדרש אדער אויפ'ן שוהל-הויף און געפלעגט דורך אלע יודען, האט עס שפעטער אנגענומען א פאלקס-כאראקטער.

וועגען דעם — אין צווייטען קאפיטעל.

ביי גרוי-געלער הויט-פארבונג, מאטקייט פון די אויגען, איבלען, טרויריגע געמיטס-שטימונג, שווערען טרוימען איז זעהר ראטזאם אייניגע טאג כסדר יעדען אינדערפריה צו טרינקען א גלאז נאטירליך ביטער וואסער

FRANCISZKA JÓZEFA.

Tabletki

Togal

קיינער פון די ליידענדע אויף רעומאטיזם, פאדאגרע און נערוועז

דארף נישט צווייפלען אין דער מעגליכקייט פון אויסהיילען זיך, ווייל פיעל ליידענדע האבען מיט דער הילף פון טאגאל צוריק בעקומען דאס געזונד. טאגאל-טאבלעטען בעקעמפען אונפעהיגקייט, צוריקהאלטעדיג די אנזאמלונג פון אורין-זויער, וואס איז, ווי בעוואוסט, די סבה פון די ליידען. אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען א. א. ארגאנען. פרובירט און איהר וועט זיך איבערצייגען. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

וואהלען פון די קהלה-פּרעזידיומ'ס.

עס איז שוין אָפיציעל בעשטימט געוואָרען אַז זונטאָג דעם צווייטען טאָג חול-המועד קומען פאָר די וואַהלען פון דעם פּרעזידיום פון קהלה-ראַט און אויך פון דער פערוואַלטונג.

אויף 4 אַזייגער נאָכמיטאָג זענען בעשטימט די וואַהלען פון ראַט - פּרעזידיום, און אויף 6 אַזייגער — די וואַהלען פון דעם קהלה - פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג און וויצע-פּרעזעס.

צו אַלע מיטגלידער פון ראַט און דער פערוואַלטונג זענען שוין ארויסגעשיקט געוואָרען איינלאַדונגען אויף די בעשטימטע טערמינען, מיט דער דראָהונג פון 100 זל. שטראָף אינפאַל ווען איינער וועט נישט קומען.

„די וואָך פאַר'ן יודישען יתום".

אין גאַנץ פּוילען איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ וואָך פאַר די יודישע יתומים וועלכע געפונען זיך אין אַ זעהר טרויריגע לאַגע צוליעב דעם הערשענדען קריזיס.

די פערוואַלטונג פון היגען יתומים און זקנים הויז האט זיך אויסגעפועל'ט איינצואָרדנען די דאַזיגע „וואָך" אין די טעג פון פסח, ווען זיי רעכנען צו צו האבען א גרויסען ערפאָלג.

עס איז איבריג צו זאָגען אז די 105 יתומים און זקנים וואס געפונען זיך אין דעם היגען אַנשטאַלט בענויטיגען זיך אונגעהויער אין ברידערליכע הילף און שטיצע, ווייל דער דאַזיגער וויכטיגער אנשטאלט געפונט זיך אין אַ זעהר קריטישען געלד-מצב, דאריבער האט די פערוואלטונג בעשלאָסען אין משך פון די „וואָך" איינצואָרדנען עטליכע אונטערנעהמונגען וועלכע זאָלען ברענגען די נויטיגע הכנסה.

עס ווערט צו דעם צוועק איינגעאָרדענט אַ טעאַטער פאָרשטעלונג אין קאַמעראַל-טעאַטער, און מאָנטאג קומט פאָר אַ זאַמעל-טאָג אין די גאסען און וואוינונגען, ווען די זאַמלער וועלען בעזוכען די יודישע שטובען בעטענדיג די נויטיגע שפענדונגען פאר דער אינסטיטוציע.

עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפעל אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג צו אַלע שיכטען, ווער עס איז נאָר ווי ס'איז ביכולת, וועט זיך בעטייליגען אין דער דאַזינער וויכטיגער אַקציע, און מיטהעלפען צו איהר ערפאָלג לטובת די אומגליקליכע יתומים און זקנים וואָס געפונען זיך אין דעם אַנשטאַלט.

בענייט דעם שטרייק געגען דער עלעקטראָווניע.

פערגאַנגענעם פרייטאָג, דעם 15 ד. ח. האט זיך געענדיגט דער טערמין אויף וועלכען ס'איז איבערגעריסען געוואָרען דער שטרייק געגען דער עלעקטראָווניע, אין צוזאַמענהאַנג מיט די אונטערהאַנדלונגען וואס זענען געפיהרט געוואָרען צווישען די פאָרשטעהער פון קאָנסומענטען - פעראיין מיט די פאָרשטעהער פון דער עלעקטראָווניע.

פרייטאג אָוונד אויף דער זיצונג וואס איז פאָרגעקומען צווישען ביידע צדדים, האט זיך ארויסגעוויזען אז די עלעקטראָווניע האט נאָך אַלץ נישט געבויגען איהר האַרטנעקיגקייט און עס האט ארויסגערופען אַ שרעקליכע אויפרעגונג דער פאָרשלאַג פון די עלעקטראָווניע-פאָרשטעהער, אַז זי איז גרייט צו געבען א הנחה פון גאנצע זעקס גראָשען פון פּרייז און אראָבלאָזען א פערטיל פון דעם אָבצאָהל פאַר'ן זייגער.

עס איז נישט קיין וואונדער, אַז די פאָרשטעהער פון קאָנסומענטען-פערבאנד זענען אויפגערעגט געוואָרען פון אַזאַ „הנחה" און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו בענייען דעם שטרייק געגען דער עלעקטראָווניע מיט נאָך מעהר שאַרפקייט פון 18-טן אָן, וואָס עס איז בעקאַנט געמאכט געוואָרען דער היגער בעפעלקערונג.

פון „טאָז".

די פערוואַלטונג פון „טאָז" און פון דעם אַדאַנטאַלאַגישען פעראיין וועט די נאָהנטסטע טעג אַדורכפיהרען אַנ'אַנקעטע צווישען די יודישע שול-קינדער וועגען דעם ציינער-בעשטאנד.

די אַנקעטע איז דער אָנהויב פון אַ גרויסער אַקציע אויפ'ן געביעט פון דער היגיענע פון מויל און די ציינער, וואס דער „טאָז" ביי דער מיטהילף פון דעם אויבענדערמאַנטען פעראיין האט אונטערנומען.

אַ קאָנצערט פון דער „לירא".

שבת אָוונד דעם 23 ד. ח. קומט פאָר אין זאַל פון די פייערלעשער אַ גראַנדיעזער קאָנצערט, איינגעאָרדענט דורך דער גוט-בעקאַנטער געזעלשאַפט „לירא".

אין קאָנצערט נעמט אַנטייל דער גוט-איינשטודירטער כאָר, ווי אויך דער סימפאָנישער אָרקעסטער, וועלכער האָט זיך קונה-שם געווען מיט זיינע אויפטריטען.

אויסער דעם טרעט אויף מיט עטליכע פיאַנאָ-נומערן די זעהר בעגאַבטע פיאַניסטין פרל. ה. ראָזענטאַל.

דער קאָנצערט האָט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס ביי די ליבהאָבער פון מוזיק אין אונזער שטאָדט.

מיט'ן קאָנצערט פיהרט אָן דער בעקאַנטער דירוגענט ה' י. זאקס.

געדענקט אין דעם קרן קימת לישראל.

מען דאָרף קיין שום יוד נישט צו זאָגען וואָס עס איז דער קק"ל, וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע אויסצוקויפען די ערד פון הייליגען לאַנד און זי מאַכען פאַר'ן נאַציאָנאַלען אייגענטום פון גאַנצען יודישען פאָלק.

דער קרן-קימת איז שוין גוט איינגעבירגערט און איינגעפונדעוועט צווישען אַלע שיכטען פון יודישען פאָלק, וועלכע זעהען אין איהם דעם בויער פון אונזער נאַציאָנאַלער היים און דעריבער האָט קיין שום אונטערנעהמונג זיך נישט ערוואָרבען אַזאַ טיעפע סימפאַטיע און אנערקענונג ביים יודישען פאָלק ווי דער נאַציאָנאַל-פאָנד.

פסח, דער יום-טוב פון חירות, פון פרייהייט, איז די צייט, ווען יעדער יוד דאַרף טראַכטען זיך אויך היינט צו בעפרייען פון גלות און צו ווערען אַ פריי פאָלק און אַ אייגען לאַנד, און דעריבער דאַרפען אין דעם יום-טוב מיט אַלע כוחות אונטערשטיצט ווערען די זאַמלונגען פון קק"ל און אַלע יודען מוזען אין זיי אַנטיילנעמען.

זאָל יעדער יוד געדענקען וועגען דעם חוב לגבי זיין פאָלק און דעם קרן-קימת בעת עליה לתורה!

שפענדעט נדרים פאַר'ן קרן קימת!

שיקט וואונשען אויף שמחות דורכ'ן קרן קימת!

געדענקט וועגען דער בלויער פושקע!

קק"ל - קאָמיסיע
אין טשענסטאָכאָוו

אַכטונג האַנדווערקער!

דעם 1 מאַי ד. י. ענדיגט זיך דער פּראָלאָנגירטער טערמין אָנצוגעבען זעזנאַניעס וועגען דער הכנסה אין יאָהר 1931. דורכ'ן געזעץ ווערען פערפליכטעט אָנצוגעבען זעזנאַניעס אַלע אונטערנעהמונגען, אויסער פון 3 און 4-ער קאַטעגאָריע האַנדעלס-פּאַטענטען און פון 8-ער קאַטעגאָריע אַרבייטס-פּאַטענטען.

די זעזנאַניעס דאַרפען אויסגעפולט ווערען אויף די אַמטליכע פאַרמולאַרען פון שטייער-אַמט.

ווער עס וועט נישט אַנגעבען קיין זעזנאַניעס פון זיך, וואס זענען פערפליכטעט, פערליערט דאס רעכט צו מאַכען אַ אָדוואַלאַניע געגען דער אויסמעסטונג פון הכנסה-שטייער פאַר'ן 1931 יאָהר.

עס איז געוואונשען בייצולעגען צו דער זעזנאַניע אַנ'אויפקלערונג, אויף וועלכען אופן די סומע פון דער הכנסה איז געוואָרען בערעכענט. ווי בעוואוסט שטיצט זיך דער חשבון אויפ'ן אומזאַץ, וועלכער איז פעסטגעשטעלט געוואָרען פאַר דער אונטערנעהמונג.

עס איז אויך געוואונשען, אַז די אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען נישט פערפליכטעט אָנצוגעבען זעזנאַניעס זאָלען אזעלכע יאָ אַריינטראָגען צום [illegible] כדי גורם צו זיין, אַז די שטייער-אויסמעסטונג זאָל זיין א ראַציאָנעלע. פון די זעזנאַניעס און פון די בייגעלעגטע אויפקלערונגען דאַרף מען זיך איבערלאָזען קאָפּיעס כדי שפּעטער נישט אַריינצופאַלען אין סתירות.

צענטר. יודישער האַנדווערקער-פערבאַנד
אָבט. אין טשענסטאָכאָוו.

פון בית"ר.

אויף דער זיצונג פון 14 אַפּריל האָט די מפקדה בעטראַכט אַ ביטע פון אַ גרופּע פון 13 מאַן, וועלכע ווילען אַריינטרעטען אין בית"ר, די גאַנצע גרופּע חוץ 3 מאַן זענען שוין פערעכענט געוואָרען אַלס אַקטיווע אחים אין קן. די כיתה האָט בעקומען דעם נאָמען „בר-כוכבא".

עס איז אויך געשאַפען געוואָרען אַ נייע כיתה „הכשרה". צו דער כיתה געהערען נאָר די 10 אחים, וועלכע פאָהרען די נעכסטע צייט אָב אויף הכשרה.

עס איז כדאי צוצוגעבען, אַז דאָס איז די ערשטע גרופּע, וואָס דער אָרטיגער קן שיקט ארויס אויף הכשרה.

פון „הרצליה".

פערגאַנגענעם שבת איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די עלטערען וועמענס קינדער געהערען צו דער היגער „הרצליה".

די פערזאַמלונג עפענט דער קוראַטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע פּראָפ. דר. הירשבערג. אין אַ שעהנער רעדע ווייזט ער אָן אַז די וועגען פאַר דער יודישער יוגענד צושיידען זיך. עס קעמפען אין יעדער קליינער נשמה די אַסימילאַטאָרען ווייסע און רויטע, הן דער „בונד" און די אַלע מוז זיך אָקעגענשטעלען דער נאַציאָנאַלער לאַגער, וועלכער, נור דורך אויפלעבונג פון יודישען פאָלק אויף זיין אייגענעם באָדען אין ארץ ישראל זעהט די גאולה און אַ סוף צו אַלע צרות.

דאן רעדט דער ראש הקן אח דוד קאַרטון וועגען די ערציהערישע אויפגאַבע פון אַ יוגענד-אָרגאַניזאַציע. מיט אַלע טיפערע זאָרג — זאָגט ער — קומט דאס קינד נישט צום לעהרער, נישט צו טאַטע-מאַמע, נאָר צום חבר, און מיר מוזען זאָרגען, אַז דער חבר זאָל זיין אַ פּאַסיגער, בעוואוסטזיניגער, דאס איז די אויפגאַבע פון אַ יוגענד-אָרגאַניזאַציע בכלל און אַ יודישער נאַציאָנאַלער בפרט. צום סוף רופט דער רעדנער צו אַ מיטאַרבייט מיט דער יוגענד.

אין קאָמיטעט זענען געוועהלט געוואָרען: ד"ר הירשבערג, פרויען: דיקערמאַן, גרוימאַן, מורטענפעלד, ה"ה: ראַדאַל, קעלציגלאָווסקי, פרידריך.

אַ שטוב מיט אַ קוך

אין פּאַרטער, אין צענטרום איבערצוגעבען.

אויך איז - געלעגענהייטליך צו פערקויפען אַ שפּיגעל, אַ טישעל, שטילען, אַ פאָטעל, שענקלעך וויסטאַוואָוע.

ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע, אַלעע 6.

ושמחת בחגך! ושמחת בחגך!

די אַלטע בעקאַנטע פירמע

לייבוש גאָלד

טשענסטאָכאָוו נייער מאַרק 11

איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע

וויינען, מעהד, קידוש-וויינען צו ביליגע פרייזען.

בעמערקונג: איך בעזיץ אויך אַלטען פּרימאַ אונגאַר-וויין.
רויט-וויין ספּעציעל פאַר מאַגען און צוקער-ליידענדע.

די לעצטע התראה.

איך בין מתרה צום לעצטען מאָל מיין לאָקאַטאָר **בעריש פישאָף קראַקאָווער 6,**
היות ווי ער איז מיר שולדיג פאַר פינף קוואַרטאַל דירה געלד ווי אויך פאַר וואַסער די סומע פון צירקאָ 1800 זל. אויסער געריכטס הוצאות.

און אַזוי ווי כ'האָב אויף איהם א וויראָק מיט אַנ'עקסמיסיע און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס כ'האָב איהם פאָרגעלייגט פערשידענע פשרות האָט ער אַלץ נישט געוואָלט איינגעהען.

לכן, ערקלער איך עפענטליך, אויב ער וועט די דירה צוזאַמען מיט'ן געשעפט אויסליידיגען ביז'ן 30-טען אַפּריל ד. י. שענק איך איהם דעם גאַנצען חוב. אויב נישט וועל איך זיין געצוואונגען אויסצופיהרען די עקסמיסיע און איינמאָהנען דאָס געלד און ווארף אראָב פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די קאָנסעקווענצען.

אברהם גליקסמאַן, קראַקאָווער 6.

ראָס בעוואוסטע חדר פון

לייבל לאַנדוי, סענאַטאָרסקאַ 7

ווערט געפיהרט רעגעלמעסיג אונטער דער אויפזיכט פון בעוואוסטע פּעדאַגאָגען און מלמדים. עס ווערט געלערנט חומש, רשי, דרדקי א.א.וו.

אויך ווערט אונטערריכט די אנפעגער אין דער פּאָוושעכנע שולע.

קינדער ווערען אָנגענומען חול המועד, אין חדר, סענאַטאָרסקאַ נר. 7, אָדער אין וואוינונג, סענאַטאָרסקאַ 31.

האָפענטליך, אַז די ג' עלטערען וועלען מיר ווייטער שענקען זייער צוטרוי, וואָס איך וועל זיך בעמיהען זיי צופרידענשטעלען.

מיט אכטונג **לייבל לאַנדוי.**

ZAKŁAD ARTYSTYCZNO - DEKORACYJNO - MALARSKI

SKŁAD TAPET

SPRZEDAŻ, FARB, POKOSTU, LAKIERÓW, PĘDZLI i t p

W. GOSTYŃSKI

Częstochowa, Aleja 2l. !-! Tel. 3-6l.

Rok założenia 1893.

אויף פסח!

אַכטונג ווירטינס!

יעדע ווירטין האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז **עטקער'ס** באַק - פּולווערס און פּרעפּאַראַטען געבען די בעסטע רעזולטאַטען ביים אויסבאַקען די פערשידענע געבעקסען. די פירמע

Dr. A. OETKER, OLIWA

וועלכע עקזיסטירט שוין 50 יאָהר און איז די בעסטע גאַראַנטיע און בויטיגט זיך נישט אין רעקלאַמע.
אויף **פסח** האָט די פירמע ספּעציעל איינגעאָרדענט איינינגע פון איהרע אויסאַרבייטונגען ווי:
באַק-פּולווער „באַקין"— Backin— וואַניליע-צוקער Cukier waniljowy
ציטרין-אייל—Olejek cytrynowy— מאַנדעל-אייל—Olejek migdałowy
וועלכע ווערען אהערגעשטעלט ספּעציעל **כשר לפסח** אַלץ מיט'ן הכשר פון הרב הגאון סעגאַלאָוויטש' דאַנציג.

צו בעקומען אין אַלע קאָלאָניאַל-געשעפטען.

קליינער פעליעטאָן.

אַלץ ווערט גע'כשר'ט...

עס איז נאָך געווען זעהר פריה, איך האָב זיך ערשט פערדרעהט אויף דער אַנדערער זייט, ווי דורך די לאָדענס האָט זיך אַריינגעריסען דאס געשריי „כשר'ען", "אַלץ ווערט געכשר'ט".

איך האָב אויף אַ רגע איבערגעריסען דעם שלאָף און געעפענט די אויגען, באַלד אָבער איז דאס קול פערשוויגען געוואָרען און איך בין צוריק איינגעשלאָפען.

פלוצים זעה איך אַ גרויסען קעסעל מיט הייס זודיג וואַסער, וועלכער שטעהט אויף א גרויסען פלאַץ און איינער, וועלכען עס איז שווער צו דערקענען אין זיין פנים ווער ער איז, שטעהט און כשר'ט.

פאַר'ן קעסעל שטעהט אויסגעשטעלט אַ רייהע מענשען, וועלכע וואַרטען, אַז עס זאָל אָנקומען זייער רייהע צו כשר'ן.

איך קוק זיך צו און זעה:

עס שטעהען עטליכע יודישע סוחרים, וועלכע האָבען אין סקאַרב געמסר'ט אַז זייערע בראַנזשיסטען מאכען גרויסע אָבראָטען און מען דאָרף זיי בעשטימען אַ גרויסען שטייער, איז דאָך געוואָרען אַ געשריי: מוסרים! ווי אַזוי קען מען דאס טהון? מען מאכט דאָך אומגליקליך צעהנדלינגער יודישע סוחרים, וואס דערהאַלטען זיך קוים אייף די פּיס. זענען זיי דאס געקומען אַהער און מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין קעסיל און זענען מיט'ן נאָמען פּאַטריאָטיזם געכשר'ט געוואָרען.

יודישע פאַבריקאַנטען, וואס ווילען בשום אופן נישט בעשעפטיגען קיין יודישע אַרבייטער, וועלכע גיבען פאַר'ן שפּיטאַל פאַר'ן יתומים-הויז, פאַר לינת הצדק; פאַר קראַנקע יודען גיט ער, אָבער געזונדע יודען, אַז זיי זאָלען אַרבייטען און פערדינען און נישט דאַרפען אָנקומען אין שפּיטאַל אַריין, דאס לאָ.

שטעהען זיי ביים קעסעל און וואַרטען, אַז מען זאָל זיי טובלען און בעקומען דעם הכשר, אַז היות ווי זיי זענען פרומע יודען ווילען זיי נישט, אַז די יודישע אַרבייטער זאָלען דאַרפען אַרבייטען אין שבת, אויך אַ הכשר...

דאָן שטעהט נאָך אַ יונגערמאַן אַ פּיסקאַטער, וועלכער מאכט אויסערליך דעם איינדרוק פון אַ אינטעליגענט מיט דער פּוילישער, שפּראַך אין מויל און אומעטום איז ער דער הויפּט מחותן, אַ טעאַטראַל, א בעגריסער אויף אַלע חתונות, א צדקה-טיילער, און אַלץ וואס איהר ווילט, נאָר פאַקטיש איז ער דאס וואס אין דער קאָרט שטעהט.

שטעהט ער ביים קעסעל און וויל זיך אויך כשר'ן.

עס שטעהען נאָך הונדערטער מענשען וואָס ווילען, אַז מען זאָל כשר'ן זייערע מעשים און איך זעה דאָרט בעקאַנטע פנים'ער, וואס אַזוי מאַכען זיי אַ פּנים פון אונשולדיגע, נאָר זיי דאַרפען מיט'ן לעבען, אַז מען זאָל זיי אָב'כשר'ן.

— כשר'ן כלים, מענשען, כלל-טהוער, מוסרים, פיינע לייט, אַלץ ווערט גע'כשר'ט — אָט דאס געשריי האָט מיך צום צווייטען מאָל אויפגעוועקט פון שלאָף.

— — — —

כ'האָב לאַנג נאָכגעטראַכט איבער דעם מאָדנעם חלום פון דעם הייסען געזעלשאַפטליכען קעסעל, ווי אַלע שווינדלערייען ווערען גע'כשר'ט.

סמאַל.

פאַר פסח אין טשענסטאָכאָוו.

דער היירינער פאַר-פסח אין אונזער שטאָדט איז געווען אַ זעהר שוואַכער, און מען האט איהם כמעט נישט געפיהלט אין קיין שום האַנדעלס-בראַנזשע, די געשעפטען האָבען לגמרי נישט געלייזט, און די סוחרים וואָס האָבען טראָץ דעם הערשענדען קריזיס, פאָרט גערעכענט צו לייזען אויף פסח זענען ענטוישט געוואָרען.

אינצווישען זענען דערוויל פאָרגעקומען די אויסמעסטונגען פון אומזאַץ-שטייער, און די סוחרים בעקומען שוין צוגעשיקט די „נאַקאַזען”, וועלכע זענען אויסגעפולט מיט אזעלכע סומעס, וואָס רופען אַרויס אַ גרויל צווישען די שטייער-צאָהלער, און מען קען זיך פאָרשטעלען וואָסערע עונג יום-טוב די סוחרים וועלען האָבען.

אַ שרעקליך בילד שטעלט מיט זיך פאָר דער יריד אין דער קהלה, וואוהין עס ציהען הונדערטער מענשען מיט אויסגעלאָשענע פנים׳ער, וועלכע בעטען שטיצע אויף פסח, די דאָזיגע אומגליקליכע ליגען אויף די שטיגען, פולען אָן די קאָרידאָרען, און וואַרטען מיט האַרצקלאַפעניש אויף די עטליכע גילדען וואס זיי זאָלען בעקומען, און וועלכע וועלען זיי סטייען אויף איין צאָהן... ווארים די קהלה איז זעהר בעשרענקט אין די מיטלען און ביים בעסטען ווילען איז זי נישט אומשטאַנד צו געבען א געהעריגע אונטערשטיצונג זאָגאַר א קליינעם טייל פון די נויט-בעדערפיגע.

געניע שליט און יוסף סטרוגאַטש אין טשענסטאָכאָוו.

ווי ה׳ עפשטיין טיילט אונז מיט, איז איהם געלונגען אַראָבצוברענגען אויף עטליכע גאַסטראָלען קיין טשענסטאָכאָוו די בעריהמטע שוישפילערין געניע שליט און דעם בעקאַנטען אַרטיסט יוסף סטרוגאַטש, מיט זייער געקליבענעם אַנסאַמבל.

געניע שליט — די פרעמיערין פונ׳ם ריגער מיעוטים-טעאַטער, איז אַ בעקאַנטע דראַמאַטישע פיגור אין דער יודישער אַרטיסטישער וועלט. מיר דאָ קענען זי אויך פון איהר אויפטריט מיט אברהם מאַרעווסקי אין שלום אַש׳ס דראַמע „רבי ד״ר זילבער”, וואו זי האט אונז געוויזען, ווי אַזוי אַ קינסטלערין קען און דאַרף שפּילען. געניע שליט האט פון דער דאָזיגער פאַרשטעלונג איבערגעלאָזט אויף לאַנג אַ שטאַרקען איינדרוק.

וועגען יוסף סטרוגאַטש׳ן דאַרף מען, דוכט זיך, פיעל נישט רעדען, ווייל ער איז אונז גוט בעקאַנט פון זיינע פיעלמאָליגע אויפטריטען אין די קליין-קונסט טעאַטערן „אזאזעל” און „אראראט”. דאָס איז אַן׳ערשטראַנגיגער אַרטיסט מיט פיעל טאַלאַנט.

די ערשטע פאַרשטעלונג קומט פאָר אין קאַמעראַל - טעאַטער דאָנערשטאָג, דעם 28 ד. ח. (אחרון של פסח). עס ווערט געגעבען די טראַגעדיע פון יו-צבי „איינע פון יענע”. דאָס איז איינע פון איהרע בעסטע אויפפירונגען, וואו זי האט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען איהר אינדיווידועלען טאַלאַנט.

די היגע יודישע אינטעליגענץ דאַרף אויסנוצען די דאָזיגע געלעגענהייט צו זעהן די פאַרשטעלונג.

בילדער - אויסשטעלונג פון ד. מ. גאָטליב.

דאָנערשטאָג, דעם 1 טאָג פסח ווערט געעפענט אין האַנדווערקער- לאָקאַל די אויסשטעלונג פון דעם בעריהמטען יודישען קינסטלער גאָטליב.

ווי מיר האָבען פאָרגעזעהען האָט די אויסשטעלונג אַרויסגערופען אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג צווישען די ליבהאָבער פון קונסט אין אונזער שטאָדט. דער נאָמען פונ׳ם קינסטלער וועט זיכער צוציהען אַ גרויסען קרייז בעזוכער.

אַ ברייטערען איבערבליק איבער דער שאַפונג פונ׳ם אַרטיסט וועלען מיר געבען אינ׳ם קומענדען נומער.

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון סוחרים-פעראיין.

זונטאָג, דעם 24 ד. ח., ערשטער טאָג חול - המועד, וועט אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע וואַלנאַשטשי 1, פאָרקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין מיט׳ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

אין פאַל, ווען אין אָנגעוויזענעם טערמין וועט נישט זיין די גענוגענדע צאָהל מיטגלידער וועט די פערזאַמלונג פאָרקומען מיט אַ שעה שפּעטער ביי יעדער צאָהל אָנוועזענדע.

נדבות אין רעדאַקציע.

מרדכי פייגענבלאַט, 5 זל. פאַר „בית לחם”.

לכבוד יום = טוב!

אין דער לאַנגיעהריגער פירמא פון **י. ה. יאַקובאָוויטש**

ערשטע אַלעע 8

איז אָנגעקומען א פרישער גרויסער טראַנספּאָרט קאַפּעלושען פון די פירמעס:

„Borsalino" „Antica" „Casa" „Lazarno" „Goeppert" „Hückel"

אויך איז פאַראַן א גרויסער אויסוואַל פון פריהלינגס=פוטער=סחורות

ווי אַלערליי פוקסען און אַנדערע פוטער׳ס.

א גרויסער אויסוואַהל - לאַגער פון היטלען און יודישע היטלען

צו מעסיגע פרייזען.

געדענקט די אדרעס: י. ה. יאַקובאָוויטש, אַלעע 8.

OPTYK MEDICAL

Z. ERNER

Częstochowa, II-ga Aleja № 31.

דערמאָנט אלע יודען, אז לכבוד פסח דאַרף זיך יעדער פערזעהען מיט בּריל, כדי צו קאָנען לייענען די הגדה וואו עס ווערט בעשריבען יציאת מצרים און במילא וועט ער א הנאה האָבען פון די קניידלעך. דעריבער איילט אייך און קויפט נאָר אין

OPTYK MEDICAL, II-ga ALEJA № 31.

פונקטליכע אויספיהרונג לויט די רעצעפּטען פון די ה״ה אָקוליסטען.

די פרייזען זענען מיט 20 פּראָצענט בּיליגער.

אויך איז צו בעקומען פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען מיט אלע צוגעהעריגקייטען און פאַרשידענע שטאָהל זאַכען.

Zakład Elektrotechniczno - Inst.

„ŚWIATŁO-SIŁA"

sp. z ogr. odp.

w CZĘSTOCHOWIE

NOWY RYNEK 5. TEL. 606

אייגענטימער:

געבר. טענענבערג און מ. עהרליך

מאַכט בעקאַנט דער ברייטער געזעלשאַפט, אז אונזער פירמע איז איצט פערגרעסערט געוואָרען און נעמט אָן אַלערליי

עלעקטרישע ארבייטען

ווי: בעלייכטונג, מאָטאָרען, אַפּאַראַטען, ווי אויך אַלערליי פּאַפּראַווקעס.

די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט רעיעל, שנעל, אונטער דער ליטונג פון קאָנצ. פאַכלייט.

אויסצאָהלונגען ביז אַ יאָהר אַלערליי אַרבייטען.

ביוראָ „פּאַראַ"

2 אַלעע 35

ערלעדיגט אַלערליי **אַמטליכע ענינים**

ווי: ביטעס צו אַלע רעגירונגס = אַמטען און געריכטס=אינסטיטוציעס.

א ספּעציעלע אָבטיילונג פאַר ווינדיקאַציעס:

ווי איינמאָנען וועקסעל - חובות, ווירעקען ווי אויך אָפענע חובות.

די אָבטיילונגען ווערען אָנגעפירט דורך לאַנג רוטינירטע זאַך-קענער.

TOWARZYSTWO UBEZPIECZEŃ

„SILESIA", Sp. Akc.

Reprezentacja

w CZĘSTOCHOWIE, PANNY MARJI 20, Tel. 283.

נעמט אָן פערזיכערונגען פאַר פייער, גנבה מיט א איינברוך אומגליקס-צופאַלן, צוויל-רעכט-פערזיכערונגען און טראַנספּאָרט

קאָמוניקאַט.

אויפ׳ן גרונד פון בעשלוס פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון אַבאָנענטען-פערבאַנד פון עלעקטריע, ערקלערען מיר פונדאַסניי אַן׳עלעקטרישען שטרייק, אָנהויבענדיג פון דעם 18 ה. ח. גלייכצייטיג ווערען ערקלערט אלס אונגילטיג די ביז-איצט אַרויסגעגעבענע ערלויבנישען (דרייעקען) אויף צו לייכטען מיט עלעקטריע.

גלייכצייטיג פאָדערן מיר אויף אויפ׳ן גרונד פון דער רעזאָלוציע די עפענטליכע לאָקאַלען און קינאָ׳ס באַלד צו פערלעשען די רעקלאַמעס ווי אויך צו בעזייטיגען די רעקלאַמע-שענקלעך, וואס געהערען צו דער עלעקטראָווניע.

מיר זענען מודיע, אז מיר נעמען ווייטער אָן איינשרייבונגען וועגען אַראָבנעהמען ליטשניקעס. צו וואס דאַרפט איהר אוננויטיג צו צאָהלען אין דער זומער-צייט אַ קאָנטריבוציע פאַר די ליטשניקעס !!

אין נעכסטען קאָמוניקאַט וועלען מיר אויפגעבען די אַבאָנענטען ווייטערדיגע פּרטים און אינסטרוקציעס בנוגע די ראַבאַטען, ליטשניקעס אאוו.

מיר האָבען אַרויסגעוויזען לגבי דער עלעקטראָווניע דעם מאַקסימום פון גוטען ווילען, אָבער די עלעקטראָווניע האָט רעאַגירט בעליידיגענד אויף אונזערע פאָדערונגען, אַרויסשטעלענדיג פשוט לעכערליכע פאָרשלאַגען. די געזעלשאַפט דאַרף ענטפערן מיט אַ אונבעדינגטען שטרייק!

עס וועט אונז נישט אָבשרעקען דער בעלגישער קאָנצערן מיט פּאָליטישע דראָהונגען!!!

אונזער אַקציע איז א ווירטשאַפטליכער קאַמף!!!

די פערוואַלטונג פון א. פ. פ. ע. אין טשענסטאָכאָוו.

די בּיליגסטע קוועלע פון אַלערליי

שטרימפּף, סוויטערס, דאַמען און הערען = וועש און גאַלאַנטעריע=אַרטיקלען

אין דער ערשטקלאַסיגער פירמע

„MAISON HYGIENA"

רוג אַלעע און קאָשציושקי.

אונזער דעוויז: גרויסער אומזאַץ=קליינער פּערדינסט.

דאָס פוטער און קאַפּעלושען=געשעפט

פון ב. בערקאָוויטש און ר. קעלציגלאָווסקי

אַלעע 11, פראָנט, איז שוין אָפען.

דאָס געשעפט איז פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואַהל **קאַפּעלושען** פון אלע פירמען פון בּיליגסטען ביז׳ן טייערסטען.

היטלען פון אלע סאָרטען.

פוטער פון אלע סאָרטען און צו די בּיליגסטע פרייזען, ווייסט איהר דאָך אלע קאָן מען נאָר בעקומען ביי דער פירמע ב. בערקאָוויטש און ר. קעלציגלאָווסקי, אַלעע 11, פראָנט, דעריבער עמפפעהלען מיר זיך אויף ווייטער די ג׳ מינים׳

הורט! די בעסטע סחורה און די בּיליגסטע פרייזען. דעטייל!

„Grand-Kino"

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

דער גרעסטער קלאַנג=סוקצעס!

„David Golder"

לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון אירענא ניעמיראָווסקאַ. אין דער טיטעל-ראָל דער געניאַלער האַרי באָור, וועלכער האָט מיט זיין געניאַלער קרעאַציע געריהרט די הערצער פון פּובּליקום.

Teatr „ODEON"

אַלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.

אוים׳ן 1 סעאַנס קרועסלאָ 1 זל.

לעצטע טעג!

3 אייראָפּעאישע שטערנס

פראַנצעסקא בערטיני, רודאָלף קליין-ראָגש, סוזי ווערנאָן

אין נייעם קרימינעל-עראָטישען פילם

ZBIEG

איבער׳ן פּראָגראַם: פון דער גאַנצער וועלט און א הומאָרעסקע.

מיטוואָך 3 נאַכמ. און דאָנערשטאָג 12 מיטאָג

Igranie z Miłością

אַלע פּלעצער צו 50 גר.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג=קינאָ

Nowości

אַלעע 12

לעצטער סעאַנס 9-30 אָוונד.

היינט און ווייטערע טעג.

גאָר אויף א קורצער צייט איז אונז געלונגען צו בעקומען דעם גרעסטען געזאַנג - קלאַנג - פילם פון פענאָמענאַלען אַקטיאָר און זינגער

אַל ושאָלסאָן

אין ריהרענדען פילם

ŚPIEWAK JAZZBANDU

פילם, וואָס ריהרט ביז טרעהרען און בלייבט לאַנג אין זכרון.

חוץ דעם קלאַנג=איבער׳ן פּראָגראַם.

Redaktor: Izrael Płockier Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier Druk. B. Bocian, Aleja 6